STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01538

# DER SHNAYDER-GEZELN NOTE MANGER ZINGT

Itzik Manger

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Sheila H. Grossman*
*in memory of Sophie Barmutz,*
*her aunt who brought her to Sholem Aleichem Folkshul*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק מאנגער

# דער שניידער־געזעלן נטע מאנגער זינגט

עסיי: ד״ר שלמה ביקל

הילע געצייכנט פון ארטור קאלניק

פאַרלאַג „ארדט״ לאָנדאָן
1948

Copyright by "Ararat" London

Printed in Great Britain

# THE TAILOR-LAD NOTA MANGER SINGS

*POEMS*

BY

ITZIK MANGER

PUBLISHED BY "ARARAT"
LONDON, 1948

נטע מאַנגער אין פּאַריז, 1925

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ קלײנער אָפּצאָל פֿון דעם גרױסן חוב, װאָס איך בין שולדיק דעם שנײדער־געזעלן נטע מאַנגער.

אָן אים װאָלט נישט מעגלעך געװען מײַן װערק.

ער האָט דאָס גאַנצע יונגע לעבן זײַנס שװער געהאָרעװעט כּדי מיר צו געבן די מעגלעכקײטן איך זאָל קענען אַרום־פּאַראַזיטעװען אױפֿן פּאַרנאַס.

מיט זײַנע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס איז ער געװען דער גרינדער פֿון דעם פֿאַרלאַג „אַלײנעניו".

די דאָזיקע שײנע טראַדיציע אָנצוהאַלטן דעם פֿאַרלאַג „אַלײנעניו" האָבן איבערגענומען די לעצטע יאָרן מײַנע פֿרײַנט בן־ציון מרגליות אין לאָנדאָן און פֿײַװל זיגלבױם אין יאָהאַנעסבורג. אָן זײער הילף װאָלטן מײַנע לעצטע ביכער נישט דערשינען.

די װירקונג פֿון דעם שנײדער־געזעלן נטע מאַנגער אױף מיר און מײַן װערק איז געװען אַ זײער גרױסע.

ער איז געװען אַן אינספּירירנדיקע פּערזענלעכקײט, ערשט־ראַנגיק און אײנציק. זײַן גרױסע ליטעראַטור־קענטשאַפֿט זײַן שאַרפֿער קריטי־שער אינטעלעקט, זײַנע פֿײַיקײטן צו פֿאָרמולירן אין צװײ־דרײַ זאַצן דעם עיקר פֿון אַ פּראָבלעם, האָבן אָנגערעגט צו פֿאַרמעסט און צו דער־גרײכונג.

ער האָט נישט געשריבן, נאָר צװישן שװײַגן און שװײַגן געבליצט מיט געדאַנקען, פּאַראַדאָקסן, פֿאָרמולירונגען.

ער האָט סטימולירט יעדן אײנעם מיט װעמען ער האָט זיך באַגעג־נט; אַ נאָענטער פֿרײַנט זײַנער, דער גימנאַזיע־לערער הערש סעגאַל, װענדט אָן לגבי אים ניטשעס שײנעם פֿערז:

„װער ס'האָט צו זאָגן אַמאָל אַ סך,<br>
מוז לאַנג פֿאַרשװײַגן זײַן;<br>
װער ס'האָט דעם בליץ צו צינדן אָן,<br>
מוז לאַנג אַ װאָלקן זײַן".

אין מײַן טעקע געפֿינט זיך אַ גאַנצע רײ פֿון עסײאיסטישע אַרבעטן װעגן אָט דעם אױסטערלישן שנײדער־געזעלן. די דאָזיקע אַרבעטן, גע־שריבן פֿון שׂמחה שװאַרץ (פּאַריז), יצחק פּאַנער (יאַס), הערש סעגאַל

און איציק שוואַרץ (באַקאו) און אַנדערע וועלן דערשיינען אין אַ באַזונ־
דערן בוך צוזאַמען מיט פּערציק „סאָנעטן פאַר מיין ברודער נטע״, נאָך
נישט געדרוקטע.

דער שניידער־געזעלן נטע מאַנגער איז געבוירן געוואָרן דעם 10טן
אויגוסט 1903 אין טשערנעוויץ און איז געשטאָרבן סוף 1942 אין סאַ־
מאַרקאַנד, אוזבעקיסטאַן.

אַ ליכטיקע געשטאַלט, אַ חלום, אַ לעגענדע, אַ פּרינץ ביי דער ניי־
מאַשין. אין זיין וואַרשטאַט האָבן זיך די חכמים און פּאָעטן פון אַלע פעל־
קער אָפּט פאַרזאַמלט און זייער אָפּט הנאה געהאַט פון זיינע ראַנד־באַ־
מערקונגען און זיינע גערעדטע גלאָסאָרן.

דאָס דאָזיקע בוך איז געווידמעט אַלע די וואָס האָבן פאַרלוירן.

אַ יישר־כח דעם העברייאישן פאַרלאַג „אורט״ (אָנגעפירט פון די
אחים בן־ציון און אַלעקסאַנדער מרגליות, אָסקאַר פיליפּ און דר. שמעון
ראַווידאָוויטש) פאַר דעם אָנשטרענג, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען וואָס
שענער.

די אויסשליסלעכע רעכט אויף אַלע מיינע ווערק געהערן מיין
שוועסטער שיינדל (זשאַנעט) גלאַזמאַן, איצט אין בוקאַרעסט.

איציק מאנגער.

לאָנדאָן, אָקטאָבער, 1947.

## שלמה ביקל

# דער שניידער-געזעל נטע מאנגער

ער איז געווען איציק מאַנגער׳ס ברודער אין אַ פּיל טיפערן זינען ווי בלויז על פּי געזעץ פון בלוט. דער דיכטער איציק און דער שניידער־געזעל נטע זיינען געווען ברידער על פּי דעמזעלבן טרוים פון אידיש־שאַפונג, על פּי דעם צער פון שטרעבונג צו איר און על פּי דער פרייד פון איר דערגרייכונג. עפּעס איז צווישן די צוויי זין פון „זיין עקסעלענץ דעם שניידער־מייסטער" הלל מאַנגער פאַראַן געווען אַזאַ אינטימער זעלישער שאַפונגס־קאָנטאַקט, אַז אַזאַ מענשן ווי איך, וואָס כ׳האָב זיי ביידן נאָענט געקענט, פלעגט זיך צומאָל אויסדאַכטן אַז דאָס ליד שמייכלט אין נטע׳ן גלייכצייטיק מיט זיין אויפגאַנג אין איציקן.

דאָס געמיט פון הלל מאַנגער׳ס זין האָט זיך פון דער סאַמע פריעס־טער יוגנט זייערער אויפנעמעריש און שאַפעריש געטוליעט צום „ווייסן ציגעלע", דעם סימבאָל פון אידישן פאָלקס־ליד. פון איציק׳ן ווייסן מיר עס, אַז ווען

דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט,
שלאָפט דאָס גאַנצע הויז,
פירן מיר פונם „חד־גדיא"
דאָס ציגעלע אַרויס.

אַרויסגעפירט עס בשותפות האָט דערנאָך איציק וואָס האָט לויט גאָט׳ס חסד און ווילן פאַרלאָזט די באַהל און געגנומען וואַנדערן מיטן יידיש־ליד אויף די הויכן פון גרויסשאַפערישקייט. און נטע? דער מיט געציילטע יאָרן איינגעריער נטע איז פאַרבליבן אין טאַטנ׳ס ווערקשטוב אויף פּאָזיציעס פון קאָנסטרוקטיווער פיזישער אַרבעט און — פון טיפער ליבשאַפט און קלאָרער קריטישער פאַרשטענדעניש פאַר גייסטיקער שאַ־פערישקייט.

דער שלאַנקער שייגער שניידער־געזעל מיט די טרויעריק־איראָנישע אויגן האָט פאַרמאָגט אַ קענטשאַפט פון דער וועלט־ליטעראַטור און אַן אַנאַליטישן כוח פון צעגלידערן אַ פּאָעטיש ווערק מיט וועלכן פראָפע־סיאָנעלע קריטיקער האָבן אים געמעגט מקנא זיין. אויף וויפיל איך ווייס האָט ער קיינמאָל גאָרנישט אָנגעשריבן און ניט געדרוקט — דאָס איז זיכער. ער האָט בלויז גערעדט וועגן ליטעראַטור. און גערעדט האָט ער אויך ניט הויך אויף אַ קול פון דער טריבונע אַראָפּ, וואָרים ער איז דאָס גאַנצע לעבן זיינס פאַרבליבן מיט אַ בריענדיקער שעמעוודיקייט

און אַ פלאַטערנדיקער מורא פאַר עפנטלעכקייט. (די דאָזיקע אימתא דצבורא האָט נאָך מער פאַרשאַטנט מיט טרויער דאָס אויסגעאיידלטע פּראָפעסאָרן־פּנים פונם שניידער־געזעל). זיינע גרינטלעכע מיינונגען וועגן פּאָעזיע, וועגן דייטשער, פראַנצויזישער און אידישער פּאָעזיע פלעגט ער אַרויסזאָגן אין שטילע כמעט בלחש׳דיקע שמועסן מיט אַ חבר אויף לאַנגע ענדלאָזע שפּאַצירן איבער די בוקאַרעשטער אידישע גאַסן אָדער גאָר אין אַ געמיטלעכן געשפּרעך מיט עטלעכע פריינט אין טאַטנ׳ס ווערקשטוב אויף דער אויבערער סמאַרדאַן־גאַס אַנטקעגן דער קאָמערציאַל־באַנק.

ער איז געזעסן, בטע, ביי איינעם פון די לאַנגע אַרבעטס־טישן אין דעם גרויסן צימער אויפן ערשטן שטאָק, וואָס איז צו דערזעלבער צייט געווען זיינס און זיין טאַטנ׳ס וואוינצימער, געהאַלטן אַ געניי אויף די קניעס און געלאָפן איבער אים מיט דער נאָדל מיט אומהיימלעכער פלינקייט און דערביי שטיל און בנעימות׳דיק געמאַכט באַמערקונגען וועגן זיין באַליבטע רימבאָ, וועגן די דייטשע באַלאַדן־מייסטער, וועגן משה לייב דעם פּאָעט און אויך וועגן איציק מאַנגער, דעם דיכטער. פון די ווערטער וועגן איציק׳ס לעצטן ביכעלע אָדער ליד האָט זיך ניט אַרויסגעהערט די פיזישע ברודערשאַפט צום פּאָעט, עס האָט זיך אין זיי בלויז געשפּירט אַן אינטענסיווע פרייד פון קינסטלערישער הנאה, אַ פּניה־לאָזע הנאה פון רימבאָס פון משה לייבס און פון איציק׳ס ליד.

אַז איציק איז אין דער שטוב אַ שטיקל קרוב אויך, וועגן דעם האָבן דערציילט די פּקחות׳דיק צעשמייכלטע אויגן פונם דאַרן אידל, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ זייטיקן טיש מיט אַ שער אין האַנט און צוגעשניטן געניי פאַר די געזעלן. „זיין עקסעלענץ״ האָט אַ פיר געטאָן מיט דער שער, אויסגעדרייט ס׳פּנים מיט צופרידנקייט צו די שמועסער, אויפגעפּיקט אַ „געלערנט״ וואָרט, עס אויסגעמישט מיט זיינס אַן אייגנס, אַן אינטים און וויציק וואָרט און אַזוי דערמאָנט חברה, אַז ער האָט אויך אַ חלק אין דעם ליטעראַרישן שמועס.

צופיל געזעלשאַפטלעך טעטיק איז נטע ניט געווען. נישט געהאַט דעם טעמפּעראַמענט און די ליבשאַפט פאַר כלל־טועריי. פונדעסטוועגן אַ לעקציע, אַ ליטעראַרישן אָוונט אָדער סתם אַ אידישיסטישע אונטערנעמונג האָט ער כמעט קיינמאָל ניט פאַרפעלט. אַריינגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט ערגעץ גאַנץ־אונטן, זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די בליקן. אָבער דער רעדנער, דער פּאָרלייענער, דער שפּילער אויף דער טריבונע האָט אים געזוכט מיט די אויגן, אים געפונען ערגעץ אויף אַ באַנק און געפּרואווט לייענען אויף זיין פּנים דעם פּסק, דעם ענדגילטיקן פּסק וועגן וואָס און וויאַזוי געזאָגט. און דאָס פּנים איז געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, בלויז אַ שטראַל פון איראָניע האָט זיך טרויעריק געמינעט אין אַ ווינקל פון אויג און געקענט מיינען פּונקט אַזוי ניין ווי יאָ. וויפיל פרייד, וויפיל דערמונטערונג איז עס דערנאָך געווען פאַרן גדלות׳דיקן

רעדנער, ווען ער איז געוואָר געוואָרן אַז דער בליק פונם נחבא אל הכלים׳דיקן שניידער־געזעל האָט געזאָגט יאָ, אָדער כמעט יאָ.

פון אַזאַ אינטימער אויסגעבונדנקייט פון פיזישער פּראַצע מיט גייסטיקייט האָט גע׳חלומ׳ט לאָסאַל, פון אַזאַ מין שניידער־געזעל בייטאָג, וואָס זאָל זיין אַ גייסט־געניסער אין אָוונט האָט ער געטרוימט ווי וועגן דעם מענשן־טיפּ פון דער קומענדיקער פרייער געזעלשאַפט. אַזעלכע ווי נטע מאַנגער קען מען טרעפן אין די קבוצות פון עמק. אָבער נטע איז אין אַ געוויסער מאָס אויב ניט פון נאַציאָנאַלן איז פון ריין יחידישן שטאַנדפונקט געווען צוזאָגנדיקער ווי יענער וואונדערלעכער מענש אין דעם ארץ־ישראל׳דיקן קיבוץ. יענער איז געקומען מיט אַ פּאַרטיקן באַגאַזש פון גייסטיקע ליבשאַפטן צו פיזישער אַרבעט, דער האָט מיט זיין פּאַרטיקער שניידעריי געקלעטערט צום געניס פון גייסט.

„וואו ביזטו, וואו ביזטו איצט מיין ברודער? —

האָט איציק, אין לאָנדאָן, נטע׳ס טויט ערגעץ אין אַ קאָלכאָז אין אוזבעקיסטאַן פאַראויסגעזאָגט:

„דער אָוונט אין דער פרעמד פאַרכלינעט זיך מיט טרערן,
און גרויס און טרויעריק זיינען אַלע שטערן,
די בשורה־ברענגער פון מיין וואונד און וויי״.

מיט וואָס קען איך אים טרייסטן, איך וואָס כ׳האָב נטע׳ן געשעצט און ליב געהאַט?

ניו־יאָרק, 1943.

# דער שניידער־געזעל נטע מאנגער זינגט:

## 1. פון סטאפטשעט קיין קאלאמיי

פון סטאָפּטשעט קיין קאָלאָמיי
איז זיבן מייל — נישט מערער —
באַרג אַראָפּ איז האָווקע גרינג,
נאָר באַרג אַרויף איז שווערער.

די זון — אַ גאָלדן פייער־ראָד
גייט אויף פון הינטער קיטעוו.
„ויהי אור!" זאָגט מלך זינג
צו בערל קלינג, זיין שותף.

די שניידער־יונגען שטייען שטום
אין מיטן וועג און שטוינען,
ווי גאָט צעטרענצלט זיין פּאַרמעג
אויף טויזנט גאָלדענע קרוינען.

אַ יעדע ווערבע טראָגט אַ קרוין —
און מיינט זי איז אַ מלכה,
און ס'בלישטשעט און פאַרבלענדט דאָס אויג
די כאַטע פון מיכאַלקע.

זאָגט מלך זינג דער שניידער־יונג:
„העי! בערל קלינג, אַ זמר!
זאָל אונזער פאווע טאָן אַ פלי
אַריבער אַלע ביימער".

גאָלד און גאָלד איז צוויי־מאָל גאָלד,
און צווימאָל גאָלד איז שענער.
זאָל „ער" דער „עושר" פון דער וועלט
וויסן ווער מיר זע'מיר.

די שניידער־יונגען זינגען פרום
אין מיטן וועג באַגינען:
„די גאָלדענע פאווע פליט און פליט,
ביז זי ווערט אַנטרינען.

באַהיט זי און באַשיץ זי גאָט,
ווייל זי איז דיינס אַ בשורה.
אין יעדן בריוול וואָס זי טראָגט,
לייענט זיך דיינס אַ שורה;

און ווען זי קומט אַהיים פאַרנאַכט
צו דיינע שטילע טויערן,
זיי נישט ברוגז אויב זי האָט
אַ פעדער ווו פאַרלוירן".

## 2. ביי דער באַליע וועש

זאָג נאָר דו שיין מיידעלע
וואָס וואַשסטו אין דער באַליע ?
צו ווייסטו נישט אַז פון וואַשן גרעט
ווערן דיינע הענטעלעך קאַליע ?"

„קאַליע יאָ, צו קאַליע נישט,
איך וויל פון גאָרנישט וויסן,
העי דו בחור, נעם און טראָג זיך אָפּ
און לאָז די פייגל גריסן".

„די פייגל גריסן, פאַרוואָס נישט,
פון דיר מיין קרוין אַוואַדע ;
נאָר טו אַ קוק וואָס כ'האָב פאַר דיר געבראַכט,
אַ פעקל טשאָקאָלאַדע".

„אַ פעקל טשאָקאָלאַדע
אין אַ זילבערן פּאַפּירל,
אַ זיסער חלום אויף דער וואָר,
האָסט מזל, חנה־מירל".

„טשאָקאָלאַד איז טאַקע זיס,
נאָר אַ בחור איז דאָך זיסער.
זע, חנה־מירל, טו אויף מיר אַ קוק,
און זאָג צו כ'בין אַ מיאוסער".

„אוי אַ שאָנקייט, פּרעג שוין נישט,
אַ פּנים פול מיט פּאָקן!
אויף די פּיס צוויי אויסגעדרייטע שיך,
און לעכער אין די זאָקן".

„לאָז אָפּ דאָס פּנים, ליובע־קרוין,
און הער וואָס כ'וועל דיר זאָגן:
כ'האָב איינגעהאַנדלט אויפן יאָר־יאַריד
אַן אייגן פערד און וואָגן".

„מיט אַן אייגן פערד און וואָגן
איז מען שוין נישט קיין שמייסער,
מיט אַן אייגן פערד און וואָגן
איז מען כמעט אַ קייסער!"

„און אַז איך בין אַ קייסער,
ביזטו מיין קייסערינע,
און וואָס וועסטו זאָגן, דושע־קרוין,
צו אַ נייער קרינאָלינע?"

„אין אַ נייער קרינאָלינע
בין איך דאָך אַ מאַדאַם,
צוואָסזשע טויג מיר נאָך דאָס וואַשן גרעט,
מיטן גאַנצן טאַראַראַם?"

## 3. היידל, דידל, דאַם

לאָמיר זינגען דאָס שיינע ליד,
היידל, דידל, דאַם —
פֿליט די גאָלדענע פּאַווע
איבערן שוואַרצן ים.
און טראָגט אַ ליבע־בריוועלע,
אַ ראָזע ליבע־בריוועלע,
פֿאַר דעם רבינו תּם,
פֿאַר דעם רבינו תּם.

ווער האָט געשריבן דאָס בריוועלע?
היידל, דידל, דיי —
געשריבן האָט דאָס בריוועלע
די מלכּה פֿון טערקיי,
געשריבן עס מיט רויטער טינט
און פֿאַרחתמ׳עט עס געשווינד
מיט הייסע טרערן דריי,
מיט הייסע טרערן דריי.

וואָס שטייט געשריבן אין בריוועלע?
היידל, דידל, דו —
„ראַבי, אָ איך ליבע דיך
וואָס זשע שוויגסטו, נו?
איך עסע ניש׳ און טרינקע ניש׳
און ווער צעזעצט פֿאַר בענקעניש
און האַבע נישט קיין רו,
און האַבע נישט קיין רו״.

וואָס זשע טוט רבינו תם?
היידל, דידל, דע —
ער קראַצט די פּיאות און די באָרד
און מאַכט דריי מאָל „פּע“.
און דאָס ציגעלע אין שטאַל,
דאָס הייליקע ציגעלע אין שטאַל,
העלפט אים אונטער „מע“,
העלפט אים אונטער „מע“.

נו און זי, די רביצין?
הײדל, דידל, דוי —
זי קלאַפּט אים מיטן וואַלגערהאָלץ
און זאָגט צו אים אַזוי:
„שיקסעס ליגן דיר אין זין,
נו און יאַך, און יאַך ווו בין?
דיין הייס געליבטע פרוי,
דיין הייס געליבטע פרוי“.

טרעפט ווער ס׳האָט דאָס ליד געמאַכט,
הײדל, דידל, האם —
אַ שניידער־יונג האָט עס געמאַכט
צו להכעיס דעם רבינו תם.
שבת צווישן טאָג און נאַכט
ווען ס׳האָט אַ לץ אַריינגעלאַכט
אַקוראַט צום גראַם,
אַקוראַט צום גראַם.

## 4. פּאַרלאַזט

מיר זענען געגאַנגען איבערן פעלד
און איבערן גרינעם גראָז,
דו האָסט מיר געגעבן אַ פינגערל
און אַ שאַליקל אַ בלאָ׳ס.

דאָס פינגערל איז פון גאָלדע גאָלד,
און דאָס שאַליקל איז פון זייד,
נאָר דו אַליין מיין אייגן האַרץ
ביזט אַוועק געפאָרן ווייט.

דו ביזט געפאָרן מיט דער באַן
און געפאָרן מיט דער שיף.
איצט שטיי איך ביי מיין פענסטערל
און וואַרט אויף דיינס אַ בריוו.

דער אַלטער גראָער פאָטשיטילאָן
גייט יעדן טאָג פאַרביי.
ער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין"
און טרויעריק ווערט דער מאַי.

דער אַלטער גראָער פאָטשיטילאָן
גייט פון טיר צו טיר.
פאַר יעדער טיר אַ בריוועלע
נאָר גאָרנישט־נישט פאַר מיר.

כ׳באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל שטיל
ווייט פון גאָט און לייט.
און פיל ווי עפּעס רייסט זיך אָפּ
און וויאַנעט פאַר דער צייט.

ס׳איז נישט קיין ליליע, נישט קיין רויז
און נישט קיין אַנדער בלום —
ס׳איז נאָר אַ ליבע אָפּגענאַרט
וואָס וויינט אין ווינקל שטום.

מיר זענען געגאַנגען איבערן פעלד
און איבערן גרינעם גראָז,
דו האָסט מיר געגעבן אַ פינגערל
און אַ שאַליקל אַ בלאָ׳ס.

דאָס פינגערל ליגט אין מיין קופערטל
און דאָס שאַליקל אין מיין שאַנק —
כ׳האָב געמיינט אַז די ליבע איז אַ טויב
און צום סוף איז זי אַ שלאַנג.

## 5. דאס ליד פון דער גאָלדענער פּאווע

איז די גאָלדענע פּאַווע געפּלויגן אַוועק,
קיין מערב זוכן די „נעכטיקע טעג״.
טרילי, טראַ לאַ.
פליט זי און פליט ביז זי טרעפט, אין די בערג,
אויף אַ ווייסער שקאַפּע אַן אַלטן טערק,
טוט אים די גאָלדענע פּאַווע אַ פרעג:
„צו האָסטו געזען די נעכטיקע טעג?״

פאַרקנייטשט דער טערק דעם שטערן, און קלערט:
די נעכטיקע טעג, נישט געזען, נישט געהערט.
און אַ צי די לייצעס, און „וויאָ״ צום פערד,
און ס׳קלינגט אין די בערג זיין כאַ־כאַ־כאַ,
אַ גאָלדענער פויגל און אַ נאַר אַזאַ!

איז געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע אַוועק,
קיין צפון, זוכן די „נעכטיקע טעג״.
טרילי, טראַ לאַ.
זעט זי אַ פישער ביים ברעג פון ים,
שפּרייט אויס זיין נעץ און זינגט צום גראַם.
אין זיין ליד ברענט אַ פייער, און ס׳שלאָפט אַ קינד,
און אַ בלאָנדע פרוי זיצט ביים שפּינראָד און שפּינט.
טוט אים די גאָלדענע פּאַווע אַ פרעג:
„צו האָסטו געזען די נעכטיקע טעג?״

פאַרקנייטשט דער פישער דעם שטערן, און קלערט:
די נעכטיקע טעג? נישט געזען, נישט געהערט!
און ער פאַרענדיקט זיין ליד מיט טראַ־לאַ־לאַ.
אַ גאָלדענער פויגל און אַ נאַר אַזאַ!

איז געפליגן די גאָלדענע פאַווע אַוועק,
קיין דרום זוכן די „נעכטיקע טעג״.
טרילי, טראַ לאַ.
זעט זי אַ נעגער אין מיטן פעלד,
פאַריכטן מיט שטרוי־גאָלד זיין אָרעם געצעלט,
טוט אים די גאָלדענע פאַווע אַ פרעג:
„צו האָסטו געזען די נעכטיקע טעג?״

פאַרשטשירעט דער נעגער די ווייסע ציין,
אַ שמייכל אַזאַ וואָס איז מלא חן.
און ער ענטפערט גאָרנישט. ער זאָגט נאָר „האַ?״
אַ גאָלדענער פויגל און אַ נאַר אַזאַ!

איז געפלויגן די גאָלדענע פאַווע אַוועק,
קיין מערב זוכן די ״נעכטיקע טעג״,
טרילי, טראַ לאַ.
טרעפט זי אַ פרוי אין שוואַרץ, וואָס קניט
נעבן אַ קבר, דערשלאָגן און מיד.
פרעגט גאָרנישט די פאַווע. זי ווייסט אַליין.
אַז די פרוי אין שוואַרץ, וואָס שפרייט איר געוויין
איבערן קבר, ביים ראַנד פון וועג,
איז די אלמנה פון די „נעכטיקע טעג״.

## 6. די רייד פונעם שניידער-געזעלן נטע מאנגער צום פאעט

מיט פֿאַרמאַכטע אויגן
הערסטו נענטער דעם ים.
מיט פֿיבערנדיקע פֿינגער
פֿילסטו גרינגער דעם גראַם.

די גאָלדענע פּאַווע
דערקענסטו אין פֿלי.
און אַ בענקשאַפֿט ווערט שענער
ווען זי איז פֿון נישט־הי.

די מידקייט ווערט מידער
ביי דער שוועל פֿון אַ הויז,
ווען דו קניסט פֿילסטו שאַרפֿער
אַז גאָט איז גרויס.

גאָט כּביכול איז גרויס,
היינט פּונקט ווי אַמאָל.
נישט ווייל ער דונערט אין הימל,
נאָר ווייל ער כליפּעט אין טאָל.

אַז ווייל איז צו דעם
וואָס האָט דאָס כליפּען דערהערט.
דיר איז אַזאַ הערונג
געוועזן באַשערט.

און אַ טרער איז געפֿאַלן
אין דיין געמיט.
און מיט ווונד און מיט ווונדער
זיך צעבליט אין דיין ליד.

## 7. נאכט-מוזיק

דער שניידער װענצל שאַניאַק,
און זײַן חזיר׳ל דרים־הרים,
האָבן ביידע זיך פאַרװעט,
װער ס׳האָט אַ שענערע שטים.

צימבל צים, צימבל צים,
צים־צע־דרים.
ער, צו ער? טרעפט־זשע װער
ס׳האָט אַ שענערע שטים?

דער שניידער איז סתם פאַרשנאָשקעט.
און דאָס חזיר׳ל איז זאַט.
דערצו נאָך האָט זײַן חזיר׳טע
דריי בענקאַרטעס געהאַט.

צימבל צים, צימבל צים,
צים־צע־דרים.
ער, צו ער? טרעפט־זשע װער
ס׳האָט אַ שענערע שטים?

דער אַלטער אָפּענער טויער
איז אַ מבין אויף מוזיק.
ער סקריפּעט מיט אַן אייגענעם טאָן:
אַהין, אַהער, און קריק.

צימבל צים, צימבל צים,
צים־צע־דרים.
ער, צו ער ? טרעפּט־זשע ווער ?
ס׳האָט אַ שענערע שטים ?

און דער אַלטער קודלאַטער כלב
האָט פונעם שלאָף,
ער בילט כסדר אַז אַ ביין,
זעט אויס ווי אַ וואָו, אַ וואָו.

צימבל צים, צימבל צים,
צים־צע־דרים.
ער צו ער ? טרעפּט־זשע ווער
ס׳האָט אַ שענערע שטים ?

דער שוואַרצער קאָטער אויפן דאַך,
מיאוקעט ליריש, מיאו !
קליינע שייגעץ מיצי כ״ץ :
צו ווילסטו זיין מיין פראַו ?

צימבל צים, צימבל צים,
צים־צע־דרים.
ער, צו ער ? טרעפּט־זשע ווער ?
סע האָט אַ שענערע שטים ?

די יונגע מערץ־לבנה לאַכט :
באמת אַן אַנטיק !
זינט פאַראַיאָרן נישט געהערט
אַזאַ מין נאַכט־מוזיק.

צימבל־צים, צימבל צים,
צים־צע־דרים.
ער, צי ער? טרעפט־זשע ווער?
ס'האָט אַ שענערע שטים?

## 8. ליבשאפט

מיט איילעליו און איילעליו
קען מען אַ קינד פֿאַרוויגן.
נאָר ווער ס'האָט באמת ליב
געפֿינט אַן אייגענעם ניגון:

„שוואַלבן זענען שיין אין פֿלי,
נאָר שענער פֿון זיי אַלע
איז דאָס מיידל פֿון נישט־הי
וואָס וועט זיין מיין כלה.

ווי דער קאַרשנבוים אין בלי
חנ'ט אַריבער אַלע —
אַזוי חנ'ט אַריבער זי
וואָס וועט זיין מיין כלה.

ווי אַ פֿרילינג אינדערפֿרי
רויטלט זיך פֿאַר אַלע —
אַזוי שעמעוודיק איז זי
וואָס וועט זיין מיין כלה.

ווי די טויב אין אָוונט־גלי
הייליקט איבער אַלע,
אַזוי צנועה'דיק איז זי
וואָס וועט זיין מיין כלה".

זינגט די ליבע אַ געזאַנג
וואַרט זי אויף אַ ווידער־קלאַנג
וואַרט און וואַרט...
יאָ געענטפֿערט? נישט געענטפֿערט?
און ס׳ציטערט שוין אַ טרער...
פּלוצים, הער!

„נישט קיין ריטער נישט קיין פּרינץ
איז ער מיין באַשערטער.
רוף איך אים ביים נאָמען שטיל
פונדערווייטנס הערט ער.

איך קען אייך זאָגן אַקוראַט
וואָס ער פילט, וואָס קלערט ער,
ווייל ס׳רעדט זיין האַרץ צו מיר
פשוט און אָן ווערטער.

פאַלט אין מיין חלום שטיל אַ טרער
וויס איך — אַ פאַרטרערטער
קושט אַ שמעטערלינג זיין רויז
וואָס עפנט זיך: באַגערטער!

וואָס איך שוויג און זאָג נישט אויס
פילט ער, און דערהערט ער —
איך בין אין גערטנדל די רויז
און ער איז — מיין באַשערטער״.

מיט איילי־לו־לי און איילי־לו־לי
קען מען אַ קינד פאַרוויגן
נאָר ווער ס׳האָט באמת ליב
געפינט אָן אייגענעם ניגון.

## 9. קינדער־יארן

לאָמיר גיין קיין ווערבעזש,
(ווער ס׳וויל מעג פאָרן),
דאָרטן שפּילן זיך ביים פּרוט,
אונזערע קינדער־יאָרן.

קליינע יידישע יינגלעך,
באָרוועס און אָפּגעריסן,
זיי פּייפן ווי די פייגל,
און ווילן פון גאָרניט וויסן.

זיי רייטן אויף די ציגן
וואָס שפּרינגען אום אין פעלד.
זיי שרייען „העשטאָ“, „וויאָ“,
און פאָרן אויס אַ וועלט.

לאָמיר גיין קיין ווערבעזש.
(ווער ס׳וויל מעג פאָרן).
דאָרטן שפּילן זיך ביים פּרוט,
אונזערע קינדער־יאָרן.

קליינע יידישע יינגלעך,
אין צעריסענע קאַשקעטן —
זיי ריידן אַלע מיטן גראַם,
ווי אמת׳ע פּאָעטן:

„שיר המעלות, פרעג קיין שאלות.
מאָרגן וועסטו זאָרגן.
דלות, נעם פֿאַרזעץ דעם טלית,
וועסטו פֿאַרשפּאָרן באָרגן“.

זיי לייגן זיך אַוועק אין גראָז.
(מיינט נישט אַז ס׳איז שרעקלעך).
און ווייזן פֿאַר דער פּריצה־זון,
אַלע זייערע שמעקלעך.

לאָמיר גיין קיין ווערבעזש.
(ווער ס׳וויל מעג פֿאָרן).
דאָרטן שפּילן זיך ביים פּרוט
אונזערע קינדער־יאָרן.

קליינע יידישע יינגלעך,
באָרוועס און אָפּגעריסן.
זיי לאָזן מיך און לאָזן דיך
אַלע האַרציק גריסן.

## 10. פאַרכישופט

רבותי, לאַכטס נישט אָפּ פון כישוף,
גאָט זאָל אייך באַהיטן —
כ׳האָב געלאַכט ווי איר, און פרעגט נישט
וואָס איך האָב געליטן.

דאַכט זיך וואָס און ווער — אַ מיידל,
דאַכט זיך וואָס? צוויי שוואַרצע אויגן,
און דערצו אַ נאַריש לידל
פון אַ פּאַווע וואָס געפלויגן.

און דאָ רבותי ליגט דער כישוף,
ווייַ צו מיינע יאָרן.
ס׳איז מיין האַרץ — אַ רויז צעפלאַטערט
און די ליבשאַפט איז דער דאָרן.

כ׳רעד צום ווינט ווי אַ מטורף:
— ווינט דו גוטער, חבר ליבער,
נעם מיין זיפץ, מיין גרוס מיין בענקשאַפט,
נעם און טראָג עס איר אַריבער.

נאָר דער ווינט, דער האָלעדריזניק,
זאָגט: „איך בין דיר נישט קיין שמש״ —
ער לעגט דעם פינגער צו צום שטערן:
„ברודערל, ס׳איז דאַכט זיך תמוה״.

ער הויבט די פיס און „הולך מרדכי" —
כ'הער אים רוישן אין די גראָזן;
כ'הער אים פּלאַפּלען צווישן ביימער
יאָגן זיך נאָך קליינע האָזן.

כ'הויב דעם קאָפּ אַרויף צום הימל
און זע — די זילבערנע מאַטראָנע
אויף איר אַלטן נאַכט־שפּאַציר —
פאַרנויג איך זיך, און זאָג: „לבנה,

כ'בין פאַרכישופט מיט אַ כישוף
און כ'קען זיך נישט קיין אָרט געפינען.
ערשט נעכטן נאָך — געווען מיושב
און היינט בין איך אַראָפּ פון זינען.

ס'איז אַ מעשה מיט אַ מיידל,
ס'איז אַ מעשה מיט צוויי אויגן,
און דערצו אַ נאַריש לידל
פון אַ פּאַווע וואָס געפלויגן".

נאָר די פּריצה זילבערט ווייטער
צווישן טויזנט קליינע שטערן,
און זי לאָזט מיך מיט מיין כישוף
אַנגסטן, טרויערן און טרערן.

רבותי, לאַכטס נישט אָפּ פון כישוף
גאָט זאָל אייך באַהיטן —
כ'האָב געלאַכט ווי איר, און פרעגט נישט
וואָס איך האָב געליטן.

## 11. לילית און פרץ׳ס מאניש

לילית שטייט פאַרן שפּיגל
און צעקעמט אירע בלאָנדע האָר.
איר נאַקעטער קערפּער ליכטיקט,
אַ חלום אויף דער וואָר.

מאָניש ליגט אויף דער סאָפע
און רויכערט אַ ציגאַרעט;
אַנטקעגן איבער ציכטיקט
און תאווה׳עט לילית בעט.

לילית זינגט: „די ליבע
פרילינגט ווי אַלע מאָל.
אַ שניי־בלום אין די בערג,
אַ ווילדע רויז אין טאָל.

די שניי־בלום און די רויז,
זיי זענען פון גאָט אַ פּאָר.
אַ זיווג מן השמים,
פאַרשדכנ׳ט אין מיינע האָר״.

טראַכט מאָניש: „אַזויפיל שיינקייט
און אַזאַ שלעכטער שם.
דערפאַר וויל נישט נאָר דעם עלוי,
נאָר אַפילו דעם סמך מ׳ם

נעמט אַרום איר ליבשאַפט,
וואָס איז אי שיין, אי גרויס,
אי צנועה׳דיק, אי זינדיק,
אַ שניי־בלום און אַ רויז״.

לילית זינגט: „די ליבע
זומערט דורך דער וועלט;
אַן אָדלער אין די הויכן,
אַ קאָרנבלום אין פעלד.

אַ מיל־טייך אין אַ דערפל,
וואָס חלומ׳ט פון אַ ים —
אַ וואָרט אַ קליינס, עניות׳דיק,
וואָס ציט זיך צו אַ גראַם.

אַ לילית און אַ מאָניש,
אַ פּאַלאַץ און אַ קלויז.
צוויי גופן און איין פייער,
אַ שניי־בלום און אַ רויז״.

## 12. אין רויך פון מיין זיידנס ליולקע

אין רויך פון מיין זיידנס ליולקע:
אַ ווייס־פּאַרשנייט ווינטער־פעלד.
דעם בעל שם טוב׳ס אָרעמע כאַטע
איז דאָס אויער פון דער וועלט.

די וועלט איז איין גרויסער ניגון,
הער ווי אַ שפּינראָד שפּינט.
אַ מאַמע ליוליו׳ט אַ וויגל,
נאָר ס׳פּלאַפּלט נאָך דאָס קינד

מיט אָפענע אויגן: „טיאַ־טיאַ״,
און שטרעקט די הענטלעך אויס,
צו אָט דער גרויסער גוטסקייט
וואָס זינגט אַרום אין הויז.

אַ פּרוש זיצט ערגעץ ביים פייער
און וואַרעמט די קאַלטע הענט.
זיין מאָגערער שאָטן טענצלט,
און תהילים׳ט אויף די ווענט:

„ממעמקים אוי טאַטע געטרייער,
איך ווייס אַז דו ביזט דאָ.
דיין שליח מיט דער גאָלדענער בשורה
איז דווקא די שוואַרצע קראָ״.

די ווינטער־נאַכט עפנט אַ ספר.
מיט וווּנדער־מעשיות לרוב;
אַזוי האָט געלעבט און געוואַנדערט,
און געוווּנדערט דער בעל שם טוב:

„מיט אַרבעט און מעשים טובים,
זמר׳ט מיין האַרץ צו דיר.
דורך די אויגן פונעם מינדסטן קראָליק
קוקסטו צו מיר אַפיר.

נאָר דער שוטה בן שוטה זוכט דיך,
אין ספרים פאַרגעלט און אַלט.
כאָטש דו ביזט דאָ בפירוש
אין שטאָט, אין דאָרף, אין וואַלד.

מיט דער שאַרפער וואַלד־האַק אין גאַרטל,
אין דער האַנט די שאַרפע זעג.
לעב איך און לויב אײַנעם וווּנדער
פון דײַנע נעכט און טעג״.

די כסלו־נאַכט מאַכט צו דעם ספר
מיט וווּנדער־מעשיות לרוב:
אַזוי האָט געלעבט און געוואַנדערט,
און געוווּנדערט דער בעל שם טוב.

## 13. נטע׳ס שלאפליד

איך זינג מיר אליין א שלאפליד:
„שלאף, שלאף, דו איינזאמער מאן,
דיין גורל האט דיך באגראבן
אין ווייטן אוזבעקיסטאן.

דער ווינט וויגט שטיל דיין קבר:
„שלאף נטע, שלאף ליו ליו.
מיט צוגעמאכטע אויגן
ווערט ליכטיקער, לויטער די רו.

הער דאס רוישן פון ווילד־גראז
פון די ווילדע בלומען אין פעלד.
און צארן נישט וואס דיין קבר
האט פאר דיר די שטערן פארשטעלט.

די שטערן, די זילבער־ממזרים,
האבן מיליאנען אפגענארט,
וואס האבן מיט גלויביקע אויגן
אויף משיח בן דוד געווארט.

הער דאס געשריי פון די שפארבערס
וואס פליגלען איבער דער ערד
מיט שארפע בלוטיקע שנאבלען.
ס׳איז גארנישט פאר זיי פארווערט.

טאָ דאַנק דער ערד וואָס באַהאַלט דיך
אין איר טיפן געטרייען שויס —
זי האָט דיר געשטעלט אַ מצבה:
אַ זונבלום און אַ רויז.

די מצבה וועט בליען און וויאַנען,
און וועט בליען פון דאָס ניי —
דער אָקטאָבער וועט זי פאַרלעשן
און אָנצינדן וועט זי דער מאַי.

און אפשר וועט נאָך דיין ברודער
פאַרוואָגלען אַהער זיינע טריט,
און אוועקלייגן אויף דיין קבר
דיין חלום — אַן אייביק ליד.

אפשר? דערווייל וואָגלען די וואָלקנס
זייער אַלטן אייביקן וועג —
פיגורן, פלאַנצן, כימערעס,
ביזן סוף פון אַלע טעג".

איך זינג מיר אַליין דאָס שלאָפליד:
„שלאָף, שלאָף, דו איינזאַמער מאַן,
דיין גורל האָט דיך באַגראָבן
אין וויטן אוזבעקיסטאַן".

# דער אלטער אנאקרעאָן

נטע׳ן

## 1. אנאקרעאָנ׳ס פרילינג-ליד

די זון האָט געלייגט אַ גאָלדן איי
אין אַלטן שוואַלבן־נעסט.
ברוך הבא! אָט זענען זיי דאָ,
די קליינע באַפליגלטע געסט.
אויף מיין נאמנות, אָט זענען זיי דאָ
די קליינע באַפליגלטע געסט.

ס׳איז פלי־צייט, ס׳איז בלי־צייט ווידער,
נעם די האַרף און זינג,
דעם אַלטן אנאקרעאָנ׳ס לידער:
פרי־לי, טרי־לי, לי־לינג.

צו ווייסטו וואָס דאָס קען באַטייטן?
זע, צו זעסטו ניט
די קארשן־בוימער אין ווייסן,
ווי ס׳וואָלט אַ שניי געשיט.
שוטה, דאָס האָבן די חברה
זיך איבער נאַכט צעבליט.

ס׳איז פלי־צייט, ס׳איז בלי־צייט ווידער.
נעם די האַרף און זינג,
דעם אַלטן אנאקרעאָנס לידער:
פרי־לי, טרי־לי־לי־לינג.

מײדלעך מיט זילבערנע קריגלעך,
לאַכן מײַן פענסטער פאַרבײַ,
דאָס געלעכטער קרײזט אין דער לופטן,
און שמעקט װי אַ שטענגל מאַי.
איך אָטעם טיף און װער װידער
אַ ײנגל פון דאָס נײַ.

ס׳איז פלי־צײַט, ס׳איז בלי־צײַט װידער,
נעם די האַרף און זינג,
דעם אַלטן אנאקרעאָנס לידער,
פרי־לי, טרי־לי, לי־לינג.

איך װער יונג און יונגער — אַ װאָלקן
שיפט זיך אַהער און אַהין,
ער טרינקט די הימלישע בלאָקײט,
איך זשליאָקע דאָס ערדישע גרין,
און מיר װאַנדערן בײדע בגילופין,
און מיר װײסן נישט װוּ אַהין.

ס׳איז פלי־צײַט, ס׳איז בלי־צײַט װידער,
נעם די האַרף און זינג,
דעם אַלטן אנאקרעאָנס לידער:
פרי־לי, טרי־לי, לי־לינג.

## 2. אנאקרעאָן איז ברוגז אויף די פייגל

די פייגל זענען אַוועק קיין זומער־לאַנד,
און געלאָזט דעם אַלטן אנאקרעאָן אַליין.
איז פרעג איך דיך, איציק, זאָג מיר בנאמנות,
צו איז דאָס חבריש, ערלעך און שיין?

זיי האָבן מיך געלאָזט מיט די האַרבסטיקע ווינטן,
מיט די פאַלנדיקע בלעטער געל און רויט,
מיט די אַלטע ווערבעס, די וויסטע אלמנות,
וואָס שמעקן מיט קאַרבאָל, גסיסה און טויט.

וואָס וואָלט זיי געאַרט, די באַפליגלטע סמאַרקעס,
ווען זיי וואָלטן אויף זייערע פליגל אַוועק־
געטראָגן דעם אַלטן פריילעכן זינגער,
צו פרישערע גרינסן און העלערע טעג?

די נאַכטיגאַל, איציק, דאָס רויטברישטל און דער קוקו,
דאָס גאָלדפעדערל און דער שפּילפויגל אויפן דאַך פון מיין הויז,
זיי זענען אַוועק, און געלאָזט אַ רויטע לבנה
הענגען ווי אַ קאַלטע פאַרוויאַנעטע רויז.

און איצט איז מיר ביטער, ס'איז קאַלט און איך ציטער,
ווי להבדל דער ציטער־בוים נעבן דער מיל.
דער אָוונט, אַ בלינדער בעטלער, אַן קינדער,
שפּילט מיט אונז אַלע זיין שאַטנדיק שפּיל.

אין טרייסט איז געבליבן, ווי ס׳שטייט געשריבן,
אין אנאקרעאנ׳ס תהילים׳ל פון אַמאָל.
אַ בעכער מיט „אַלטן”, און אָרעמס וואָס האַלטן
אַרומגענומען אַ שיינקייט פון טאָל.

טאָ האַלט פון דער צוואה, און האָב איציק הנאה,
כאָטש דער האַרבסט האָט אַלע וועגן פאַרשיט
מיט פאַרוויאַנעטע בלעטער, און אַלע געטער
האָבן אָפּגעווענדט זייערע טריט.

און וואָס שייך די פייגל, דאָס מעגסטו מיר גלויבן,
ביים צוועלפטן בעכער געדענק איך זיי קוים.
און אויף מיין געלעגער וועל איך, להיפך מיין שטייגער,
פאַרמאַכן פאַר זיי אַלע לאָדנס פון טרוים.

## 3. אנאקרעאָן פאַרבעט איציק מאַנגער אויף אַ גלעזל משקה

איציק כ׳לעבן, ביזט אַ ייִנגל,
קום מיט מיר אין שענק אַריין.
עצבֿות קנייטשט דיין יונגן שטערן,
קום און לייטער אים מיט ווייַן.

לאָז דאָס באַלאַבייסל בילן.
תמיד האָט דער „מין״ געבילט,
ווען אַ דיכטער האָט זיין לעבן
צווישן וויין און ליד פאַרשפּילט.

האָב אים, ווי מען זאָגט, אין לויוויטש,
האָב אים אין דער לינקער פּיאה,
קום, און לאָמיר היינט פאַרזשליאָקען
די לעצטע גריכישע מטבעה.

אַלטער וויין און יונגע בתולות,
קאַרשן־בוים אין ווייסן צוויט,
אויב כ׳בין עמיצן מקנא,
איז נאָר דעם פויגל פאַר זיין ליד.

איציק, היט דיין ליד פאַר שאָטנס,
זיי בישט אַזאַ לעקיש־בער;
גיב דיין ליד אַ טראָפּן ייִן,
נאָר פאַרהיט עס פון אַ טרער.

בגילופין איז דאָס ליד אַ פּלי־פּלי,
אַ שמעטערלינג, אַ סאָלאָווײ;
ניכטער, איז דאָס ליד אַ ווערבע,
געבויגן איבערן ווייסן שניי.

שפּיי דריי מאָל אויף דער ציטער־ווערבע,
דער אַלטער טרויעריקער מכשפה.
זי דערציילט אונז מיאוסע זאַכן,
אַנטלויף פון איר ווי פון אַ שׂריפה!

געווג, ס׳טריקנט מיר דער גאָרגל.
קום מיט מיר אַרײַן אין שענק.
דאָרט פאַרצייכן אויפן בעכער
מיינע ווערטער, און געדענק:

אַלטער ווײַן און יונגע בתולות,
קאַרשנבוים אין ווייסן צוויט,
און אויב עמיצן מקנא,
איז נאָר דעם פויגל פאַר זיין ליד.

## 4. אנאקרעאָן און די נימפעס

קוקו, קוקו, זיסער פויגל.
כ'קוק און זע און האָב הנאה,
ווי די וואַסער־בתולות שווימען
אין די וואַסערן די בלאָע.

כאָטש מיין באָרד איז ווייס און ציטערט
ווי ביי אַלע אַלטע מענער,
ווייס איך אָבער, זיסער פויגל,
וואָס ס'איז שיין און וואָס ס'איז שענער.

אָט אַ שטייגער יענע שאַנקייט
דאָרט אין מיטן דער חבריה —
בישט קיין מויד, אַן אַפראָדיטע,
וואָלט געזאָגט מיין שכן שייע.

וואָלט איך געווען דער גאָט פּאָסיידאָן,
וואָלט איך אָפּגעג'גט מיין קליפּה,
און ביים ערשטן וואַסער־גלח
געשטעלט מיט יענער דאָרט אַ חופּה.

„ווען איך וואָלט!" די אַלטע בענקשאַפט
הערסט זי כליפּן אין דעם לידל,
פון דעם מינדסטן שניידער־יינגל,
הערסט זי וויינען אין דער פידל

פון גאוורילאַ דעם ציגיינער,
אין אַ דאָרף־שענק פון מאָלדאַווע;
הערסט זי שעפּטשען ביי אַ שפּינראָד
אין אַ כאַטע פון מאָראַוויע.

„ווען איך וואָלט!" זינגט אויך אנאַקרעאָן,
און ער האָט דערוויילן הנאה
ווי די וואַסער־בתולות שווימען
אין די וואַסערן די בלאָע.

אוונט־פייגל. גרילן זילבערן,
און דער אָוונט שלייערט בלויער,
צווישן ערד און הימל ניגונט
שטיל אַ זיסער מילדער טרויער.

ערשט הייסט דער גאָט וואָס פליסטערט
און ער טייטלט מיטן פינגער,
אויף דעם נאַקעט־שפּיל אין וואַסער,
און אויף אַנאַקרעאָן זיין זינגער.

## 5. אנאקרעאָן און דער הארבסט־רעגן

אַנאַקרעאָן טענה׳ט צום רעגן:
— וואָס איז מיט דיר דער מער,
ווער האָט דעם פאַרוויינטן שלים־מזל
געבראַכט פאַר אַן אורח אַהער?

דו נודיעסט און נודיעסט און נודיעסט
פון אַלץ די נשמה אַרויס,
דו האָסט שוין פאַרנודיעט צום שטאַרבן
די לעצטע זומער־רויז.

איך פאַרשטיי אַן אורח אויף שבת,
אָבער נישט אויף אַ גאַנצן זמן,
און אַן אורח שלעפּט נישט די וואָלקנס
ווי זיינע שמאַטעס אַן אָרעמאַן.

אַן אָרעמאַן קומט מען אָפּ מיט אַ גראָשן,
און ער גייט זיך ווייטער זיין וועג;
ער טוט נישט פאַרטרייבן די פייגל,
און פאַרגרויט נישט די ליכטיקע טעג.

איך וויים אַז דו ביזט אַן עקשן,
און דו ווילסט דוקא און דוקא אַזוי,
אַז דו האָסט פיינט בתכלית השנאה,
דאָס גאָלד, דאָס בלאָנד און דאָס בלוי.

גאָלד, בלאָנד און בלוי — מיין שיינקייט
קומט פאַרנעמט דעם אויבן אָן:
אין דעם אַלטן אַנאַקרעאָנס כאַטע
וואַרט געטריי אייער טראָן.

דער רעגן איז נישט מער ווי אַ מעשה,
נאָר איר אַליין זענט וואָר.
איך שווער ביי די בערד פון די געטער,
און ביי מיינע אייגענע ווייסע האָר.

און אַז איר זאָגט „פרילינג" איז פרילינג,
און איך לאָז דעם רעגן שטיין
אויף יענער זייט פון מיין ניגון,
אַ ברוגז'ן איינעם אַליין.

עפן אויף דיינע אויגן, מיין שיינקייט,
און ס'וועט תיכף אַ נס געשען:
אַ שפּיל פון גאָלדענע בינען —
„אַמאָל איז אַ רעגן געווען".

## 6. דער זומער־אינדערפרי און דער טויטער אנאקרעאָן

טשיריק... דער זומער־אינדערפרי
שפּאַנט איין די פּייערדיקע פערד.
זיין בייטשל מיט דער רויטער טראָלד
קנאַקט אַ וועק־ליד צו דער ערד.

טשיריק, טשיריק, און טריל־טריל־טריל,
די פייגל אויפן קארשנבוים
שווענקען אָפּ אין פרישן טוי
די שאָטנבילדער פונעם טרוים.

דאָס טייכל זינגט אַרום דעם וואַלד:
„ס׳איז ווידער ווידער אינדערפרי״.
אַן אַלטער טרעמפּ אין מיטן וואַלד
זאָגט אָפּ זיין תפילה אויף די קני.

דער פּאַסטוך קלינגט אַרויס די שאָף,
צו פּרי און בלי און פרישן גרין.
אַ פלאַטערל פון גאָלד־קאָליר
איז אַזש פאַר פרייד אַראָפּ פון זין.

סע פלאַטערט אום ווי ניִשט פון הי
אַ בשורה — נאָר פאַרגעסן וואָס,
סע טומלט צווישן בלום און בלום,
און פאַלט פאַרמאַטערט אויפן גראָז.

נאָר דו אַנאַקרעאָן, דו שלאָפּסט,
דו אַלטער קאַלטער פוילער בער.
אין דיין פלאַש — אַ טראָפּן ווײַן,
אויף דיין באַק — אַ טראָפּן טרער.

איז דאָס דיין צוואה, אַלטער באָרד?
איז דאָס דיין נישט דערזונגען ליד?
איך וועל דיין צוואה היטן, הער,
כל זמן אַ זומער גרינט און בליט.

איך וועל די טראָפּנס היטן, הער,
ביז אין אַ זומער פון העט־העט
וועלן אָט די טראָפּנס ווערן ליד,
דאָס אבל־ליד פון אַ פּאָעט.

און איך אַליין וועל אין דעם זכות
פון אָט די טראָפּנס ווערן ליד,
ווען ס׳בויגט זיך איבערן טויטן גריך
דער טרויער פון אַ יונגן ייד.

# גראַם שטראַם פּאַר נטע

1

„עלע מעלע יאָסטע
וויפיל טויבן האָסטע?"

„דריי פּאָר טערקל־טויבן
דאַנק און גאָט צו לויבן!"

„ס'אַראַ פאַרבן האָבן זיי,
און ווי הויך פליען זיי?"

„איין פּאָרל איז פון זילבער,
דאָס צווייטע איז פון גאָלד,
דאָס דריטע פּאָרל האָב איך מיר
אין דמיון אויסגעמאָלט".

„און ווי הויך פליען זיי?"

„איין פּאָרל — איבער דעכער,
דאָס צווייטע פּאָרל העכער,
די וואָלקנס, און אַריבער".

„און דאָס דריטע?"

„דאָס דריטע ווייסט נישט קיינער,
חוץ מיר און נאָך אַן איינער,
דאָס דריטע איז אַ סוד.

קומט צו שחרית תפילין זיי,
מנחה־מעריב שפּילן זיי:
איינער איז אחד!
איינער איז אחד!“

2

איציק שפּיציק, גאָט־מיט־דיר,
לויף און קויף אַ פלעשל ביר.

לויף און קויף אַ פלעשל וויין,
וועלן מיר אַלע פריילעך זיין.

לויף איך, קויף איך, קום צוריק,
זע איך עפּעס אַן אַנטיק:

דער פרומער רב אלקנה,
שפּרינגט קעגן דער לבנה.

ער העדט צו איר אַזויגע רייד,
אַז זי טייעט אָן פּאַר פרייד:

„איי איי איי, בעל תאווה׳צע,
איי איי איי, קראַסאַוועצע“.

און אַלע יידן מיט אַמאָל,
חזר׳ן איבער אויף אַ קול:

„איי איי איי, בעל תאווה׳צע,
איי איי איי, קראַסאַוועצע״.

ווייס איך נישט, ווו אויס ווו איין,
טרינק איך אויס דאָס פלעשל ווײַן.

ווערט מיר ליכטיק אויפן האַרץ,
רויט איז גרין, און בלאָ איז שוואַרץ.

טרינק איך אויס דאָס פלעשל ביר,
פיל איך, „מיר זאָל זיין פאַר איר״.

שפרינג איך אויך אַריין אין קאָן,
רב אלקנה אויבן אָן,

און דער טאַטע נעבן מיר,
חזר׳ט איבער אָן אַ שיער:

„איי איי איי, בעל תאווה׳צע,
איי איי איי קראַסאַוועצע״.

און אַלע יידן מיט אַמאָל
חזר׳ן איבער אויף אַ קול:

„איי איי איי, בעל תאווה׳צע,
איי איי איי, קראַסאַוועצע״.

## 3

ראָדע ראָדע ראַנע,
די שיינע מיאוסע פּאַנע,
פינגערט אויף דער פּיאַנע.

קומט אַריין דער טאַטע,
אַ יידל אַ האָרבאַטע,
אין מיטן דער סאָנאַטע,

דערציילט ער פון יאַרידן,
פון גויים און פון יידן,
און איז דאַנקען גאָט צופרידן.

קומט אַריין די מאַמע,
מיט בייעסן מסתמא,
ווי יעדע אַלטע דאַמע.

דערציילט זי פון חולאתן,
פון שכנ׳טעס מרשעתן,
און שיסט אויס אַלע כעסן.

קומט אַריין די שוועסטער,
די שיינע שיינע־אסתר:
„מיין אנטעק איז דער בעסטער.

שיין איז ער, אַ חידוש,
און קען קיין וואָרט ניט יידיש,
סיי פּריציש סיי נגידיש“.

קומען אַן די ברידער,
ווי תמיד קידער־ווידער,
און שרייען הויך זיך איבער:

„באָד־יונג . . . שאָד־יונג . . . איזל־קאָפּ . . .
כאַמער־אייזל . . . לאָקשנטאָפּ . . .
ציגנבערדל . . . פערדל־האָפּ . . .“

ראָדע ראָדע ראַנע,
די שיינע מיאוסע פּאַנע,
חלש׳ט ביי דער פּיאַנע,

און ווער ס׳איז זי מקנא,
דעם איז זי מהנה,
צו שפּילן אויף דער פּיאַנע.

4

די קאַטערינקע שפּילט דעם בלינדן ייד:
אַן אָקס איז געפלויגן אויפן יריד,
און איינגעהאַנדלט אַ בינטל שטרוי,
אַ מאָגערן טערק און אַ פעטן גוי.

די קו האָט די וועטשערע צוגעגרייט
פונקט ווי אין שולחן ערוך שטייט,
דעם טערק — מיט טערקישן פעפער און זאַלץ,
דעם גוי געפּרעגלט אין אייגענעם שמאַלץ.

איך בין דאָרטן צו גאַסט געוועזן,
און האָב די טאָכטער, דאָס קאַלב געזען,
און כ׳האָב עס מיט מזל און מיט גליק,
צו דער חופּה געפירט אויף אַ זיידענעם שטריק.

5

„פּייגעלע פּייגעלע,
טרי לי לי.
וווּ איז דער טאַטע ?“

„נישטאָ הי“

„וווּ געפאָרן ?“
„קיין פּאַמאָרן,
מאָרגן אינדערפרי“.

„מיט דער בויד, צי מיט דער באַן ?
צי מיט אַ פלי־פלי־עראָפּלאַן ?“

„נישט געטראָפן, יונה מאַק,
ער האָט געשפּאַנט דעם ציגנבאָק,
צום מולד פון פּאַראַיאָרן,
און העשטאָ ! וויאָ ! בייטשל קנאַק,
מיט האַק און פּאַק און לייבסערדאַק,
הייחאַ, קיין פּאַמאָרן“.

„האַנדלען, וואַנדלען, זאָג מיט וואָס,
מיט דימענטן, געשליפן גלאָז,
צי אפשר גאָר מיט יקנה״ז ?

„נישט מיט דאָס, און נישט מיט דאָס,
מיט אמת׳ע אַנטיקן,
לויטער גאָלדענע גליקן״.

אַ „גאָלדן גליק״ פאַר יעדן ייד,
וואָס איז געקומען צום יריד,
פון פוילן, ליטע, רייסן.

און גלויבסטו יאָ, צו גלויבסטו ניט,
פאַר יעדן גוי פאַר יעדן ייד,
אַ גלאָז מיט שאַרפן אָקאָוויט,
מיט לעקעך צום פאַרבייסן״.

„פייגעלע, פייגעלע,
טרי־לי־לי.
ווו איז דער טאַטע ?״

„נישטאָ הי.
געפאָרן קיין פאָמאָרן״.

„ווען וועט ער קומען,
מיט מזומן ?״

„יום טוב אינדערפרי
נעכטן פאַראַיאָרן״.

# 1943

דעם אָנדענק פון שמואל זיגלבוים

## 1. מיין שנאה-ליד

איז מיר באַשערט צו זיין דער לעצטער זינגער
פון אַן אויסגעסאַמטער עדה ?
טונקען אין קברים־גראָז מיינע פינגער,
אַרום דער גרויסער יידישער עקדה ?

מזל מיינס, פאַרשאָלטנס, האָסט צעצוויטעט דעם פרילינג
איבערן קדיש פון מיינע ליפּן.
צעפלאַטערט די פייגל מיט זייער טרילי־לינג,
זיי זאָלן פון מיין טרערן־בעכער זיפּן.

אויב ס׳איז מיר באַשערט צו זיין אַ ווערבע,
וויל איך שטיין ביי זייערע קינדערס וויגן,
וואַרפן מיינע שאָטנס אין זייערע חלומות,
און זייערע בלוטן פאַרסאַמען מיט מיין ניגן :

„דיין טאַטע איז אַ האַק, דיין מאַמע איז אַ מעסער,
פון דיין טאַטע־מאַמע טריפן מיינע בלוטן
און זייערע קינדער וועלן נישט וואַקסן גרעסער,
ווייל איך וועל ציילן זייערע מינוטן.

„דיין טאַטע איז אַ האַק, דיין מאַמע איז אַ מעסער,
פון דיין טאַטע־מאַמע טריפן מיינע טרערן
און זייערע קינדער וועלן נישט וואַקסן גרעסער,
ווייל איך וועל זייערע לעצטע אָטעמס הערן״.

צעטייל מיך, גאָט, אויף טויזנטער קאָשמאַרן,
אַז איך זאָל דאָס לייב און דעם חלום פרעסן.
פון די בלאָנדע קינ׳ס, די בלאָ־אויגיקע נאַרן,
ביז אין זייערע לעצטע פאַרשאָלטענע מעת־לעתן.

צעפלאַטער אַלע קראָען איבער דער בלוטיקער מדינה,
איבער גוסס׳דיקע דערפער, שטעט און שלעסער,
ווו ס׳טאַנצט אַ „פריילעכס" מיט זיך אַליין מיין שנאה,
און ס׳לעקן אָפּ די הינט די דייטשע בלוטן פון איר מעסער.

לאָנדאָן 1943.

## .2 דער סוף פונעם קלאָר-ווייסן ציגעלע

דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע האָט פיבערדיקע אויגן,
און איז אויסגעדייוועט, אויסגעדאַרט;
זינט די גאָלדענע פּאַווע איז אַוועק געפלויגן,
ליגט עס פאַרשפּאַרט אין געטאָ און וואַרט,
אַז די גאָלדענע שוועסטער זאָל ברענגען אַ דאָקטאָר,
און דער דאָקטאָר זאָל ברענגען אַ מעדיצין,
„העלף איר גאָטעניו" — בעט זיך דאָס קראַנקע
„אַז זי זאָל כאָטש בשלום אַריבערפליִ'ן".

איז די גאָלדענע פּאַווע געפלויגן, געפלויגן,
דורך טויזנט געפאַרן ביז קיין ניו־יאָרק,
דאָס קראַנקע קלאָר־ווייסע ציגעלע אין געטאָ,
איז איר איין און איינציקע זאָרג.
אָט איז זי געפלויגן און אָט איז זי געקומען,
און בעט זיך רחמים ביים האַרץ פון דער וועלט.
נאָר אפשר דערפאַר ווייל זי טענה'עט אויף יידיש
פאַרשטייען נישט די מושלים פון דער וועלט.

דערווייל איז דאָס ציגעלע אויסגעגאַנגען
אין פינסטערן געטאָ, אין אַ קעלער־שטוב,
און דייטשע זעלנער מיט שיכורע געזאַנגען
האָבן עס אַריינגעוואָרפן אין אַ מאַסן־גרוב.
דאָרט ליגט עס מיט טויזנטער יידישע קינדער,
און ווייסט נישט מער צו גאָט איז גערעכט,
און הערט נישט אַפילו ווי ס'שפּאַנען פאַרטרויערט
די אויסגעשטערנטע פּוילישע נעכט.

פאַראַנען אַ כלל אַז וואָס ס׳איז דערמאָרדעט,
קומט שוין נישט קיינמאָל מער צוריק.
אנשטאָט אַ מצבה וועט איבערן קבר
זיך וויגן יאַנקעלעס לײדיקע וויג.
און די וויג וועט קומען דער וועלט צו חלום,
נאַכט איין, נאַכט אויס, יאָר איין, יאָר אויס,
ביז זי וועט נישט ריכטן, און וועט נישט פאַרניכטן,
דאָס דײטשע מערדער און משוגעים־הויז.

## 3. ציניִשע אידיליע

דריי טוריסטן ביי די חורבות פון געטאָ,
ווו ס'האָט געהוליעט דער דייטשער מאָרד,
אַן עלטערע מיס, אַ ניו יאָרקער באַנקיר,
און אַן אַלטער ענגלישער לאָרד.

די עלטערע מיס וויינט אַריין אין איר טיכל,
אַ קאַלטע טרער פּאַרוויאַנעט און געל,
אין איר האַנט־טאַש אַן ענגלישע בייבל,
„גאָט" און „פּיפּל אָף איזראעל".

מערי..די הייליקע יידישע מאַמע,
דזשיזוס..דאָס הייליקע יידישע קינד.
פּאָנטוס פּילאַטוס, דער רוימישער ממזר,
וואָס שרפה'ט אין גיהינום פאַר זיינע זינד.

דער ניו־יאָרקער באַנקיר נעמט אַראָפּ פאָטאָס
פון די פאַרבלוטיקטע געטאָ־ווענט,
אין מויל — צוויי שורות גאָלדענע ציין,
און גאָלדענע רינגען אויף די הענט.

די פאָטאָס נעמט ער פאַר זיין בת יחידה,
וואָס ענדיקט היי־סקול איבער אַ יאָר.
זיין טאָכטער דאָריס איז שלאַנק ווי אַ צעדער,
און האָט רויטלעכע טיציאַן־האָר.

דער אַלטער לאָרד שוויַיגט ווי אַ מומיע,
אַ רענדל מיט זיבעצן שילינג אַ וואָרט,
ער טראַכט פון זײַן מאַיאָנטעק אין סטראַטפאָרד,
און נחת׳ט די ציכטיק־פּאַרקעמטע באָרד.

ער טראַכט פון זײַן זון דעם תכשיט אין אָקספאָרד,
וואָס וועט נאָך מסתמא מיט דער צײַט
האַלטן אַ „ספּיטש״ אין הויז אָף לאָרדס,
אַ שײַנדל פאַר בריטישע אדל־לײַט.

דער אָוונט טונקלט. אין די חורבות פון געטאָ
נעסטן זיך סאָוועס און פלעדער־מײַז פלי׳ן.
די דרײַ טוריסטן נעמען דעם עקספּרעס־צוג,
און פאָרן פאַרברענגען אין פרײַלעכן בערלין.

## דער שניידער־געזעלן נטע מאנגער זינגט:

טערקל־טויבן אין אָונט־גאָלד,
ווייטע קינדער־יאָרן.
כ׳וואָלט געשפּאַנט די קאַרע פערד,
און צו אייך געפאָרן.

כ׳וואָלט געשפּאַנט די קאַרע פערד,
און צו אייך געקומען,
און וואָלט אייך אין מיין זיידנס בויד,
מיט אַהיים גענומען.

קליינע ווערבעס פאַזע וועג,
בלי פון אַלע זייטן.
סע האַלזען און סע ליובען זיך
די נאָענטן און די וויטן.

וואָס געווען העט־העט אַמאָל
איז נאָכאַמאָל געוואָרן —
אין זילבערנע סאַנדאַלן גייט
דאָס וואונדער דורכן קאָרן.

אַ דריי דאָס גילדענע פינגערל,
די גאַנצע וועלט איז אָפן.
און ס׳בלישצעט, חשומעט, פליגלט, פליט
אין גראַמען און אין סטראָפן.

פייגעלע פייגעלע טרילי־לי,
אַלע גאָרטנס בליען.
וויפיל פרייד און וויפיל מי
אַ זומער דורכצופליען.

גרילן אין גראָזן טשירק־טשירק־טשירק,
אין אָוונט־טוי דעם קילן.
ס׳אַראַ פרייד און ס׳אַראַ מי
אַ זומער אויסצושפּילן.

טערקל־טויבן אין אָוונט־גלי,
ווייטע קינדער־יאָרן.
כ׳וואָלט געשפּאַנט די קאַרע פערד,
און צו אייך געפאָרן.

כ׳וואָלט געשפּאַנט די קאַרע פערד
און צו אייך געקומען,
און אייך אין מיין זיידנס בויד
מיט אַהיים גענומען.

# די באלאדע פונעם שטארבנדיקן קריסטאפאר מארלאו און דעם ייד פון מאלטא

ווער איז די ווילדע געשטאַלט
וואָס שאַרט זיך נעבן בעט
פון דעם קראַנקן פּאָעט,
צעשויבערט ווי דער וואַלד ?

דער דיכטער פיבערט: אלאַס,
ס׳איז ער דער מאָנסטער־ייד.
איך דערקען זיינע שטילע טריט,
וואָס ווילסטו, באַראַבאַס ?

די געשטאַלט שווייגט. אין איר האַנט
בליצט אַ מעסער שאַרף.
זי מורמלט שטיל: מען דאַרף
פאַרטיליקן די שאַנד.

דו האָסט מיך אויסגעטראַכט,
באַרוישט פון ווייַן און זנות.
און איצט וויל איך און מוז
ווערן דיין לעצטע נאַכט.

דער דעצעמבער־ווינט ציילט אויס
דריי שפּאַרבערס אויף דער שויב —
מיט שנאָבלען שאַרף ווי רויב,
און לעשט זיי ווידער אויס.

דער דיכטער פּיבערט: אַלאַס,
מיין וואָר געוואָרן וואָרט.
מע׳ך שרעקט דיין רויטע באָרד
מיין גורל — באַראַבאַס.

נאָר ס׳ציטערט די געשטאַלט,
מיט רייד פון צער און שפּאָט:
בעת כ׳האָב געחלומט: „גאָט״,
האָסטו געחלומט: „וואַלד״.

פאַר דיר בין איך דער וואַלד,
די חיה און דער רויב,
פאַר „אים״ בין איך אַ טויב,
אַ תּפילה דורות־אַלט.

דער דעצעמבער־ווינט גייט שאַרף
אַרום דעם אַלטן הויז,
און ס׳שפּילט אַן אכזר גרויס
אויף מארלאָו׳ס ווילדער האַרף.

## באלאדע פונעם אלטן פישער-ווייב וואס האט זיך געלאזט זוכן אירע טויטע

קלאַפּט די נאַכט מיט קרומע פינגער
אין דעם אַלטן פענסטער־לאָדן:
ס׳האָט דער זייגער צוויי געקלונגען,
און דאָס שלאָפליד בײַשט הערזונגען
האָט די מאַמע פאַר די טויטע.

און מיט טריט פון ווינט געיאָגטע,
לויפט דאָס אַלטע פישער־ווייב,
און דער שאַרפער נאַכט־ווינט ציטערט
איבער איר פיבערדיקן לייב.
אירע אויגן ברענען רויטע,
זוכן שפורן פון די טויטע,
אויף די גראָע וועגן שטעגן.

און די בלעטער רוישן, רוישן:
זע, סע לעשן זיך די שטערן,
און פון זייער זילבער־גסיסה
וועט אַ שטילע בענקשאַפט ווערן,
מיט דער נאַכט־שעה וועט זי קלינגען,
און אַ שלאָפליד וועט זי זינגען,
פאַר דער ערד און פאַר די טויטע.

שאָקלט זי דעם קאָפּ דעם גראָען:
שאָטנס ווייען און פאַרגייען,
צווישן ליכט און שאָטנדעמער
ווערט זי אירע טויטע זעען,
מיט די גרויסע שטומע אויגן,
וועט זיך דאָרט איר טרויער בויגן,
און אין דעמער־ליכט פאַרגייען.

און די וועגן זינגען, זינגען,
וווּ ס'שפּינען זיך די טרערן
פון דעם אייביק־שטומען „איינזאַם".
אָן אַ פרייד און אָן באַגערן
ליגט דער סוד פון אַלע וועגן.
הער דער סוד זינגט דיר אַנטקעגן,
מיט דער פּיין פון דעם נישט־ווערן.

און די אַלטע גייט, און ס'גייען
שטילע שאָטנס איר אַנטקעגן,
און זי קושט די הויכע שטערנס
פון די שאָטנס, און זיי פרעגן:
טרער פון מענטשן־אויג גערינען,
ווייסטו ווען דעם וועג געפינען
צום פאַרלוירענעם טויטן לעבן?

און די אַלטע גייט, און ס'גייט איר
שטיל אַ וואַנדערער אַנטקעגן,
און אַ צאַרטער דעמער־שלייער
שפּרייט זיך אויס אויף זיינע וועגן.
הינטער אים ביים האָריזאָנט
שפּרייט אַ ווינטמיל אירע אָרעמס,
און ס'פאַלט אַ שטיל געוויין
איבער לאַנג־פאַרדעקטע קברים.

1920

# אלבום פאַר מיין שוועסטער שיינדעלע

## 1 פאַרנאַכט

פאַרנאַכט. אין ירדן שווימען
קליינע זילבערנע פיש.
די בערדיקע פישער ביים ירדן
וועבן זיי ניש׳

זיי וועבן נאָר דעם גראַנעטן הערש
ביים מערב־ראַנד,
זיינע גאָלדענע הערנער לייכטן
איבערן הייליקן לאַנד.

## 2. זילבער

די אַלטע שרה בת טובים
בענטשט דעם זונפאַרגאַנג,
ווי אַמאָל די הייליקע שבת־ליכט,
און שעפּטשעט שטיל און לאַנג.

די אַלטע בראָש פון פאַרצייטנס,
אויף איר סאַמעטן קלייד,
איז דאָס איינציקע שטיקל זילבער
אין אַ וועלט וואָס פאַרגייט.

## 3. דער העלפער

דער שניי איז ווייס און פּראַסטיק,
דער זונפאַרגאַנג איז רויט.
דער בעל שם טוב וואַרפט פאַר די פייגל
קרישקעס קאָרנברויט.

ער שטייט אין זיין פויעריש פּעלצל,
פאַר זיין אָרעם געצעלט,
און העלפט דעם רבונו של עולם
פיטערן די פייגל אין פעלד.

## 4. צום בראצלאַווערס „זיבעטן בעטלער“

זיבעטער בעטלער, פאַרענדיק די מעשה!
מיר זענען די לעצטע הערער.
אַזויפיל יידן האָבן זיך נישט דערוואַרט,
צו וואָסזשע וואַרטסטו מערער?

זיבעטער בעטלער, דו דרימלסט, דו שווייגסט,
און די וואָלקנס ווערן שווערער —
מיר וואַרטן. דערצייל. טאָמער ווערט צו שפּעט,
ווער וועלן זיין די הערער?

## 5. ברוגז

ר׳ לוי יצחק, אין טלית און תפילין,
רירט זיך נישט פונעם אָרט.
ער שטייט פאַרן עמוד. דאָס סידור איז אָפן,
נאָר ער רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט.

ער זעט אין זיין דמיון די בילדער פון געטאָ,
די גסיסה, דעם צער, און דעם שפּאָט.
ער שווייגט פאַרעקשנט. דער אַלטער איז ברוגז
מיט זיין אַלטן גאָט.

## 6. וואָלקנס

וואָלקנס — יידן אין שטריימלען
(אַ כעלעמער אסיפה)
אויבן אָן דער כעלעמער רב
פאַרטראַכט, רעיונות טיפע.

„רעגן — בליצט אויף דער „כעלעמער"
פּאָר חיה, מענטש און זאָמען.
„מסכים! — דונערט די עדה אָפּ,
געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען".

## 7. מיין שוועסטער

מיין שוועסטער, די קראַנקנשוועסטער, גייט,
פאַרנאַכט, דורך די שפּיטאָלן,
זי טאַפּט דעם דופק, און פאַרבינדט די ווונדן
פון אַלע מיינע אַמאָלן.

דער עיקר די ווונד פון דער גאָלדענער פּאַווע,
וואָס קוקט מיט פאַרחידושטע אויגן.
זי איז געבליבן, נאָר דער שניידער־געזעל
איז אויף תמיד אַוועקגעפלויגן.

## 8. יתומים

די גאָלדענע פּאַווע און דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע
וויגן די ליידיקע וויגן:
נישטאָ מער דאָס הייליקע יאַנקעלע,
טאָ וויגט מען אָן אַ ניגון.

דאָס גאָלד פון דער פּאַווע איז אומעטיק גאָלד,
און דאָס ציגעלע דאָס פרומע —
בלענדט ווי טרויעריקער שניי — די צוויי
יתומים פון מיין אומה.

## די „אוהבי ישראל" ביים טויטנלאגער בעלזשעץ
## (בעלז בלע"ז)

ר' משה לייב פון סאסאוו טייטלט אויף די הויפנס אַש.
(דער שטורם האָט אָקאָרשט דורכגעוויטערט)
זיין באָרד ציטערט, זיין לייב און לעבן ביטערט:
— „נאַ, נעם און זע, אַך גאָטעניו טי נאַש."

ר' וואָלף פון זבאַראַזש מורמלט: „הערט, רבותי, הערט!"
(זיין קול איז ווי אַן אוונט־פידל מיד)
— „דער אויבערשטער האָט זיין ווייגאָרטן נישט אָפגעהיט
אַ סימן: אָט די הפקר־הויפנס אויף דער ערד.

ר' מאירל פון פרעמישלאַן אויף זיין אַלטן שטעקן אָנגעשפאַרט
שטייט און וואַרט, פיבערנדיק און צער'ט:
„רבותי, לאָמיר זאָגן אַלע אויף אַ קול:

באַשאַפער פון די וועלטן דו ביזט מאַכטיק, מוראדיק און גרויס
נאָר מיר די גאַליציאַנער מעקן דיך אויף תמיד אויס
פון דער עדה אמת'ע „אוהבי ישראל."

# אַלבום פאַר מאַרגאַרעט

## 1. גורל

איך בין געווען אַ שייגעצל  
אַמאָל אין גאַליליי —  
געוואָרפן בערלעך אין משה׳ס באָרד,  
אין יעזוסן — באַלנס שבֿיי.

איצט טעמפּלט משה אין ניו־יאָרק —  
און ס׳איז יעזוס אַ גאָט ביי „זיי“.  
נאָר מיר, דעם אָרעמען שייגעצל,  
איז נעבעך ווינד און ווײ —

## 2. אוונט

דער אָוונט, אַ באָרוועסער מאָנאַך,  
נידערט פונעם קלויסטער־באַרג.  
זיין לאַנגער שאָטן פאַלט פאָרויס,  
און נעמט אַרום דעם מידן מאַרק.

די טערקל־טויבן אין טויבנשלאַק,  
ליובען זיך פאַרשלאָפן מיד.  
און אַלץ אַרום אָטעמט פרום,  
מיט קימל־ברויט און אָוונט־ליד.

## 3. אינוואַלידן

קראַנקנשוועסטערס פירן אין פּאַרק,
שפּאַצירן די אינוואַלידן —
זיי גייען פּאַמעלעך טראָט ביי טראָט,
ס׳זאָלן די פיס נישט מידן.

די פייגל דערפילן די דעמערונג,
און הויבן אָן צו לידן.
פון „מאַי אויפּסניי״ און „ווידער יונג״,
און ס׳שמייכלען די אינוואַלידן.

## 4. די נאַכט

כ׳האָב צוגעלקחנט דאָס צלמ׳ל,
(דיין שוועגערנס מתנה),
און כ׳האָב עס באַגראָבן אין גערטנדל,
ביים שיין פון הער לבנה.

נאָר פּלוצים, הער ! ס׳רוישט אַ קלייד,
און ס׳אָטעמט מיט סכנה.
נעבן מיר שטייט צאָרנדיק בלייך
די נאַכט — אַ יונגע נאָנע.

## 5. בעטלערס

בעטלערס אין מעשיות פון אַמאָל
וואָגלען פאַרלויזטע, וואַנדערן
פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט,
פון איין אָרט צו דעם אַנדערן.

נאָר ווען די מעשה גענענט צום סוף,
טוט זי זיי באַלוינען,
נישט מיט הקדשן ווי די וואָר,
נאָר מיט גאָלדענע קרוינען.

## 6. "Auld Lang Syne"

מיר זינגען אינאיינעם „אָלד לאנג סאַין"
און מיר האַלטן זיך ביי די הענט.
דער וויין אין די גלעזער פינקלט רויט,
דאָס ליכט אין די שפיגלען בלענדט.

איך זינג אויף אַ קול „פאַר אָלד לאנג סאַין",
מיט אויגן פאַרווײנטע, רויטע —
איך זינג מיט אייך, און האַלט ביי די הענט
מיינע מיליאָנען טויטע.

# קאזאנאווא

ווּיג זיך גאָנדאָל פון ווענעציע,
כ׳בין דער יונגער קאַזאַנאָוואַ,
קופּיד, ער איז מיין יעהאָוואַ,
און מיין געטין הייסט לוקרעציע.

לוקרעציע אָדער העגריעטע,
ראָזאַליע אָדער מאַרקאָלינע,
אַמאָל איז זי אַ שטאָלצע פּריצה,
אַמאָל אַ פלאַטערל פון דער בינע.

אַמאָל איז זי אַ פרומע נאָנע,
וואָס שרפה׳ט אונטערן פרומען שלייער.
אַמאָל איז זי אַ שטילע דאָרפמויד,
וואָס גיט זיך אויפן שטרוי אין שייער.

אַמאָל איז זי אַ קורטיזאַנע,
וואָס פראַקטיקט אין איר קאַלטער שיינקייט,
צווישן צאָלערס. נאָר זי פיבערט
ווען אַליין מיט איר אַליינקייט.

אַמאָל אַזוי... אַזוי... נאָר תמיד
איז זי ווענוס די באַגערטע,
ביים באַגעגענען — אַ צעשטראַלטע
ביים געזעגענען — אַ פאַרטרערטע.

כ׳האָב אויף הונדערטער געלעגערס
אָפּגעשפּילט מיין שיר השירים,
מיט נימפעס פון די בודואַרן,
מיט ווייבער פון די שענסטע גבירים.

מיט שוואַרץ און בלאָנד־געלאָקטע דינסטן,
וואָס סאַרווערן אין די אכסניות,
מיט קליינע פּרעכע באַלערינעס,
אין אַקטיאָרישע קאָמפּאַניעס.

וויג מיך גאָנדאָל פון ווענעציע,
כ׳בין דער אַלטער קאַזאַנאָווא,
וווּ איז קופּיד — מיין יעהאָווא,
און וווּ די געטלעכע לוקרעציע?

כ׳האָב מיין לעבן דורכגעוואונדערט
נאָכאַמאָל אין די מעמוארן,
צווישן ליבע, שפּיל, געפאַרן,
אין דעם אַכצנטן יאָרהונדערט.

# סאָנעטן פֿאַר מיין ברודער נטע

## 1. נטע מאַנגער

ווער קען באַשרייבן דיין נסיעה פֿונעם האַפֿן „סאַנקט האַמער״?
די שווערע האַרעוואַניע, אַנגסטן, מאַטערנישן, צער׳ן?
די טויזנט שיינקייטן שטורעמס און געפֿאַרן,
ביז דו ביזט געקומען צום פּאָרט פֿון „סאַנקט־באַדלער״?

דו האָסט געזען, באַנומען, און ווי זעלטן ווער
האָסטו אַלץ געלייטערט געזוניקט און פֿאַרטיפֿט.
דיין נשמה האָט מיט אַ זעלטן גאָלדענער שריפֿט
פֿאַרצייכנט יעדן פֿערז, יעדן טרויער, יעדע טרער.

און ווי אַ געטרייער ריטער, האָסטו תמיד מיט־
גענומען די גאָלדענע פּאַווע און איר ליד,
אויף אַלע דיינע וועגן ביזן טויט —

און אויף דיין גסיסה־בעט אין וויטן סאַמאַרקאַנד,
האָסטו צום לעצטן מאָל נאָך אויסגעשטרעקט די האַנט,
מורמלנדיק דיין אַלטן מאָטאָ „ליד און ברויט!״

## 2. בית־עולם־שטילקייטן

בית־עולם־שטילקייטן זענען מיך באַפֿאַלן,
גרויס און אימה׳דיק. די טונקעלע ציפּרעסן
היטן די לאַנג־פֿאַרלאָשענע מעת־לעתן,
שטומע שטרענגע ערנסטע וואַסאַלן.

מיט אָפֿענע אויגן און צעריסענע סאַנדאַלן
טרעט איך אַריין אין דעם אומענדלעכן „פֿאַרגעסן“.
די ווערים זענען גרין און גליטשיק און צעפֿרעסן,
דעם גרויסן „הרוג“ וואָס האַלט זיך ביים צעפֿאַלן.

אַזויפֿיל טייערע און ליכטיקע געשטאַלטן
טונקלען אין זכרון. פּרווו זיי צו פֿאַרהאַלטן,
ליד מיינס, פֿאַר שפּעטע קומענדיקע יאָרן.

פֿאַר שפּעטע זומערן וואָס וועלן זיך צעגרינען,
מיט בלאָע שוואַלבן און מיט גאָלדענע בינען,
מיט זינגענדיקע גרילן צווישן ווייץ און קאָרן.

## 3. קאַליקעס

די בײדנע קאַליקעס פֿון אַלע יאָר־יאָרידן
מיט דרימבעס, האַרמאָניקעס, באַלאַלײַקעס,
מיט גאָט אויף די ליפּן, לעגענדעס, מעשיות, בײַקעס,
מאָנען פֿון מיר, אַז איך זאָל זײַ לידן.

זײַ שטראָמען צו מיר אין גאַנצע כאָפּטעס, שײַקעס,
מיט יאַטערנדיקע װוּנדן, מיט טריפֿנדיקע אויגן,
אַ קראַנקער הימן פֿון „נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן";
מיט דרימבעס, האַרמאָניקעס, באַלאַלײַקעס.

אָ ברידער מײַנע, ריטערס פֿון אַלע זיבן נויטן,
באַכטיקערס אין הקדשן, שטאַרבערס הינטער פּלויטן,
װיזיע פֿון מײַנע פֿריעסטע קינדער־יאָרן —

איר שטראָמט, איר שטראָמט צו מיר אין גאַנצע שײַקעס,
מיט דרימבעס, האַרמאָניקעס, באַלאַלײַקעס —
װאָס איז מײַן סאָלאָ אַנטקעגן אײַערע כאָרן?

## 4. קעץ אין מערץ

קעץ אויף דעכער. מערץ. קאַלטער שטערן־שיין
די מיאוקענדיקע סערענאדע איז לאַנג געצויגן שאַרף.
אַ פרעמדער ליבע־גאָט גרימפּלט אויף זיין האַרף
זיינע גרינע אויגן בלישצען אין דער נאַכט אַריין.

ס׳איז אַן אַלטע תאווה אויסגעמישט מיט נייער פּיין.
מיין בלוט הארכט אויף. און זע, מיין בלוט פאַרשטייט.
קערפּערס שטויסן זיך אין קערפּערס, די אכזריות׳דיקע פרייד
ציטערט פיבערט אונטערן קאַלטן שטערנשיין.

קעץ אויף דעכער, מערץ. וואָס ווייסט דער ווינט
פון דער זיסער גסיסה ווען דער זאָמען רינט,
פון גוף צו גוף אין דער קאַלטער שטערנדיקער נאַכט.

און וואָס ווייסטו, און ער, און וואָס ווייס איך אַליין
וואָס האַלט דעם פערז ווי אַ הונט אַ ביין צווישן די ציין
און וואָס ווייסט „ער״ וואָס האָט דאָס אַלצדינג אויסגעטראַכט?

## 5. קליינע מאגדאלענאס

די קליינע מאַגדאַלענאַס פון אַלע אָרעמע הינטער־גאַסן,
געפּודערט און געשמינקטע מיט שמאָלע פּרעכע שטערנס,
רויכערן ציגאַרעטן, אָנגעשפּאַרט אָן גאַס־לאַמטערנס,
זיי רעדן מיאוסע רייד, זיי מאַכן פוילע שפּאַסן.

אַלטע גיכטישע הולטייעס און יונגע גימנאַזיסטן
נעמען זיי „אויף נומערן" אין די זייטיקע האָטעלן.
די אַלטע בעטן קרעכצן. פּאַרוואָס שווייגט איר, מינסטרעלן,
ווען אַמאָר הורט מיט פסיכע אויף די אָפּגעלייגטע מיסטן?

איבער די האָטעלן שיינען קאַלטע גרינע שטערן,
פון אַ בוידעם־שטיבל לאָזט אַ פרומע באָרד זיך הערן,
„שיר השירים" — דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען —

די קליינע מאַגדאַלענאַס שטייען ווידער ביי די גאַס־לאַמטערנס,
געפּודערט און געשמינקטע, מיט שמאָלע פּרעכע שטערנס,
פונעם קראַנקן ליכט געבלענדטע און געפאַנגען.

## 6. רעגן

מיר וואַרטן אויפֿן רעגן ווי אויף אַן אָנגעלייגטן גאַסט,
וואָס איז מחויב יעדע רגע אָנצוקומען פֿון די וועגן.
די גוים מיט די צלמים זענען אים אַרויס אַנטקעגן,
אונטער יעדער רינווע שטייט און וואַרט אַ רעגן־פֿאַס.

די קינדער ווילן זיך היינט נישט שלאָפֿן לייגן,
ביז זיי וועלן נישט הערן די טראָפּנס קלינגען אויפֿן דאַך:
טראָפּ, טראָפּ, טראָפּ, און דערנאָך ערשט ליגן לאַנג נאָך וואַך,
ביז זייער חלום זאַפּט אַריין אין זיך דעם רעגן.

די יונגע שיינע כלה־מיידלעך וואַשן זיך מיט רעגן,
די בריסטן און די האָר. זיי חידושן זיך און פֿרעגן
צי איז דאָס טאַקע וואָר, אַז פֿון האָר זאָל ווערן זייד?

ביי אַלע שויבן שטייען אַלטע געבויגן־גראָע לייט,
זיי קוקן אויפֿן רעגן, ביז זיי פֿילן מיט דער צייט
ווי אין זייערע אַלטע ביינער קלינגט דער רעגן.

## 7. דער נס

דעמערונג און שניי. די אַלטע באַבעצי אין וואַלד
מיטן בינטל שפּענדלעך האָט דעם וועג פֿאַרלאָרן.
אַ יעגער אין גרין שאַלט אין זיין זילבערנעם האָרן,
דער וואַלד איז אַלט, און די באַבעצי איז אַלט.

די קינדער וויינען אין דער היים. ס'איז זיי קאַלט.
דער הונגער איז אַ וואָלף. דער פֿראָסט אַ דאָרן.
דעם יעגערס האָרן האָט אין וואַלד דעם ווידער־קלאַנג פֿאַרלאָרן,
די באַבעצי איז טויב, דער וואַלד איז אַלט.

טאָ וווּ זשע איז דער נס? דער נס קומט אומגעריכט,
פֿונעם אָוונטיקן שניי פֿלעמלט אויף אַ גאָלדן ליכט,
וואָס פֿירט די אַלטע באַבעצי אַרויס פֿון וואַלד.

די אַלטע בענטשט אַף גומל, מאַכט אַ קניפּל. זע אַלטע,
נישט פֿאַרגעס
צו געבן מירטשעם איוודע וואָך אויף מאיר בעל־הנס,
וואָס האָט — אַ גאָלדן פֿלעמל — דיך אַרויסגעפֿירט פֿון וואַלד.

## 8. כמאָרעס

כמאָרעס קומען זיך צונויף. אויפֿן הימל אַ יאָריד,
פּויערים און פּויערטעס, ידענעס און יידן.
קאַטערינקעס קרעכצן. בלינדע בעטלערס לידן.
גוים קויפֿן שווערע שטיוול און קאָסעס פֿאַרן שניט.

פּלוצים אַ מהומה. פֿונעם מערבֿ־ווינקל ציט.
אַ כאַפּטע כוליגאַנעס, קיילערס, טרעגערס, שמידן:
„דאַלאָי מיט די זשידעס!" — „אַראָפּ פֿון די יאַרידן!"
שאַרפֿע מעסערס בליצן, גאָט באַשירעם און באַהיט!

יידן לויפֿן מיט צעיאָגטע פּאָלעס. ווייבער שרייען.
סחורות פֿאַלן „קנאַל!" סע ווילדעוועט דער קין.
ס'שטעלן זיך „דיבאָם" און הירזשען ווילד די פֿערד.

„כלאָפּצעס איבער קעפּ!" — „כלאָפּצעס אין די זייטן!"
יידן שיסן אויס מיט אַ געוויין. דערלעבט זיך צייטן!
און זייערע טרערן שטראָמען אַראָפּצו צו דער ערד.

## 9. סאָוועס

די סאָוועס בלישטשען פּאַספאָרן מיט די אויגן שאַרף,
צו דער שטאָדט וואָס שלאָפט. די לאָמפּן איינגעדרייט
די פליגל זייערע ציטערן נערוועז. זיי זענען גרייט
צו טראָגן זייערע וויסטע בשורות ווו מען דאַרף.

די האַרבסט־נאַכט פינגערט אויף דער אַלטער רעגן־האַרף:
„איי־ליו, ליו זקנ׳דל" דעם מידן וואַלד,
וואָס דרימלט איינגעקאָרטשעט און באַהאַלט
די יינגסטע ביימער פאַר די העק מיט זייער שאַרף.

די סאָוועס שפּרייטן אויס די פליגל. ס׳שלאָפט די שטאַט
מיט איינגעדרייטע לאָמפּן אויפן אויבערשטנס באַראַט,
און אַנען נישט די וויסטע בשורות פונעם וואַלד.

די סאָוועס פליען אין אַ ווירע. שטיל ווי אַ לויה.
די שטאָט וואַכט אויף דערשראָקן ווי אַ געהעצטע חיה,
און ס׳איז איר פּנים מורא׳דיק געקנייטשט און אַלט.

## 10. סוף־זומער טעג

די זוניקע סוף־זומערטעג פון העט־העט־העט,
בליען אויף צום לעצטן מאָל אין מיין זכרון,
מיט מאַלינעס און קאַלינעס, מיט ווייץ און קאָרן,
אין מיין זיידנס שטעטל אין סטאָפּטשעט.

די בוימער אויף די גאַסן זענען פול מיט טרילילים.
די זילבער־טויבן איבערן שולהויף פליען אין אַ ראָד,
אַ שבח, אַ לויבגעזאַנג דעם לעבעדיקן גאָט,
פאַר די זוניקע סוף־זומערדיקע אינדערפרי׳ס.

דער זיידע דאַוונט אָפּ. ער נעמט די בייטש אין האַנט.
די קאַרע פערד שטייען אין וואָגן איינגעשפּאַנט —
צייט צו לאָזן זיך אין וויטן וועג.

פון די וועלדער וועט ער ברענגען פאַרן ווינטער האָלץ,
אַהינצו פירט ער פּאַסאַזשירן אָן געצאָלטס,
די לעצטע זוניקע סוף־זומער־טעג.

## 11. ציגײַנערס

ציגײַנערס אין די בוידן. וואָלקנס איבער וועגן.
(לך־לך — אַ פּסוק צום פּאַרטײַטשן).
בליצן ציגגלען, דונערס — קנאַלנדיקע בײַטשן.
ס׳שמעקט מיט הפקר און מיט קומענדיקן רעגן.

שלאָפֿנדיקע שטעט און דערפֿער שווימען זיי אַנטקעגן,
אַ ליכטיק וויגנליד וואָס ס׳האָט אַמאָל פֿאַרלאָרן
זייער עלטער־מאַמע צווישן לאַנג־פֿאַרבליטן קאָרן.
„כי טוב!" — האָט זי פֿרום געמורמלט — "ווערט דער מיטאָס
פֿון די וועגן!"

ציגײַנערס אין די בוידן. זייערע שוואַרץ־געקרויזטע בערד
זענען קלוג און אומרואיק ווי זי — די אַלטע ערד,
וואָס דרייט זיך פֿון קדמונים בכדי צו דערגיין איר מיין —

בליצן ציגדן זיך. דונערס — קנאַלנדיקע בײַטשן.
לך לך — אַן אַלטער פּסוק צום פּאַרטײַטשן.
ציגײַנערס זענען רש״י־כתב וואָס העלפֿן דיר פֿאַרשטיין.

## 12. אלטע יידן

אַלטע יידן אין בית מדרש לערנען : גאָט.
זיי צערטלען זייערע בערד, זיי קנייטשן זייערע שטערנס :
„מיר זוכן דיך מיט חדר־יינגלעשע לאָמטערנס.
מיר אָנען דיך נאָר דו פאַרבלייבסט אַ סוד״.

די חלב׳נע ליכטלעך ווערן קלענער. טאַפּטשען זיך. אָט אָט,
פאַרלעשן זיך די הייליקע אותיות פון די ספרים.
און דער פינצטער ווערט ערשט קלאָרער נאָך ווי אָרעם
זיי זענען מיט דער בענקשאַפט צו זיין ליכטיקער געגאַד.

„זאָגט דער תנא . . . קומט דער צווייטער תנא און ער זאָגט . . .
פאַלט אַריין דער דריטער תנא און ער שלאָגט
דעם צווייטן איבער : „אפשר גאָר פאַרקערט ?״

אַלטע יידן אין בית־מדרש וויגן אויף די ווענט
זייערע מידע שאָטנס. דאָס לעצטע ליכטל ברענט.
איבער אַלטע ספרים לייכטן זייערע שיינע בערד.

## 13 . סיעסטא

זומער־נאָכמיטאָג. די זיצערקעס אין מאַרק
דרימלען איבער פולע קוישן עפּל, פלוימען, באַרן.
יידישע מאַדאָנאַס געלייטערטע אין צער׳ן,
ווייסע וואָלקנס דרימלען אויפן קאָפּ פון קלויסטער־באַרג.

די זון וואַרפט גאָלדענע קוקורוזע־זערנעס פאַר
די קוואָטשקעס וואָס לערנען זייערע הינדלעך חיונה שאַרן —
איבער די פולע קוישן עפּל, פלוימען, באַרן,
זשומען גרויסע בלאָע פליגן אין מיט־זומערדיקן זשאַר.

די זיצערקעס אין מאַרק דרימלען, וויגן זיך אַהער, אַהין,
אונטער צוגעמאַכטע אויגן זעען זיי די ווייטע זין,
וואָס שרייבן בריוו און שיקן דאָלאַרס פון דער פרעמד, —

קליינע ווייסע וואָלקנס דרימלען אויפן קאָפּ פון קלויסטער־באַרג.
די מידקייט גייט אַן אָפּגעלאָזטע שפּאַצירן איבערן מאַרק,
באָרוועס און צעשפּיליעט דאָס גאָלד־געשטיקטע העמד.

## 14. שפּערלען

איר קליינע שפּערלען, גראָע פייגל פון דער אָרעמקייט,
אָן זינגענדיקע שטימען, אָן פעדערן קאָלירן,
מיין מוזע וועט פאַר אייך היינט טרילילירן
אַיעדע אָרעמקייט באַדאַרף אַביסל פרייד.

נאָר קודם וועט זי וואַרפן פאַר אייך קרישקעס ברויט.
פּיקט, פּיקט, חברה־לייט, און זייט זיך מחיה.
היפּט אַ ריקוחל, ווייל ס'איז אַן אַלטע ראיה,
אַ ריקודל מאַכט לופּטיקער ליכטיקער די נויט.

מיין מוזע נעמט אַ ביסל וואַסער. טוט אַ הוסטל און הויבט אָן:
„אין די גאָרטנס אויף די פעלדער גיפּטיקט רויט דער מאָן.
אָפענע ברענענדיקע ווונדן פון דער מאַמע־ערד.

דער אָדלער קושט די וואָלקנס, די נאַכטיגאַל דעם קוסט.
נאָר איר, איר קליינע שפּערלען, ווי ס'איז יעדערן באַוווסט,
נעמט הכנעה'דיק פּונעם לעבן וואָס ס'איז אייך באַשערט".

## 15. שניי

דער שניי שיט פֿון קאַיאָר און זילבערט איין
די גאַסן, די לאַמטערנס און די סקווערן,
(אונטער צוגעמאַכטע אויגן קריכן ווייסע בערן,
און ברומען זייער הונגער אין דער וועלט אַריין).

דער שניי שיט און פֿאַרשיט אַלע איילנדיקע טריט.
איבער אַלע געסלעך גאַסן און בולוואַרן,
ווי ווייסע גוג מגוגן שטייען די פֿאָנאַרן,
פֿאַרחידושט אויפֿן ווייסן שיטנדיקן צוויט.

דער שניי שיט און פֿאַרשיט אַלע דעכער, פּלויטן,
אַלע שוועלן, אַלע הויפֿן. נאָר די נויטן
זענען שוואַרצע פּלעקן אין דער ווייסער שטאָט.

(אונטער צוגעמאַכטע אויגן ברומען הונגעריקע בערן).
אַלע נויטן האָבן וווּנדן עגמת־נפֿשן און טרערן,
און טענות צו די הימלען: דערבאַרעמדיקער גאָט!

## 16. בעטלערס

די בעטלערס וואַרעמען ביים פרעמדן פייער
די קאַלטע בערד, די געפרווירענע גלידער —
זיי וואַרפן אַראָפּ פון זיך אַלע בעטלער־לידער,
און שמייכלען מילד, און אָטעמען פרייער.

אינדרויסן ברענט דער פראָסט, נאָר אין פרעמדן שייער
גרייטן זיי די וועטשערע מיט מידע הענט :
לעגענדע פון דער אָרעמקייט ! כ׳האָב דיך דערקענט
וואַרעמענדיק די הענט ביים היימיש־ליבן פייער.

די בעטלערס עסן אָפּ, זיי בענטשן : אַ לויב צו גאָט
פאַרן נאַכט־לעגער אין דער פרעמדער שטאָט.
פאַרן אָונט־ברויט דעם פייער און דעם שייער —

זיי לעגן זיך אַוועק. זיי לייענען קרישמע. מאָרגן גאַנץ קאַיאָר
דאַרף מען קוקן אין די אויגן נאָכאַמאָל דער וואָר,
מיט בעטלער־לידער און הכנעה, פאַר אַ דרייער . . .

# דער שניידער־געזעלן נטע מאנגער לערנט תנ״ך

## 1. דער אלטער תרח שניצט א נייעם אפגאט

דער אַלטער תרח זיצט און שניצט
אַ גאָט פֿון פֿימסן־האָלץ,
פֿון אַלע גאָטן דער גרעסטער גאָט,
מורמלט ער פֿרום און שטאָלץ.

די אויגן קאַסאָקע — דאָס מיינט ער זעט
העט אַלצדינג מיט אַמאָל;
די עבירות וואָס הוליען אויפֿן באַרג
און די מצוות טיף אין טאָל.

די נאָז — אַ קאַרטאָפֿל, ברייט צעשפּרייט,
זי זאָל שמעקן דעם אָפּפֿער־רויך,
וואָס קרייזלט זיך פֿונעם מזבח אַרויף
צו די גאָטן אין דער הויך;

די פֿרומע הענט פֿאַרלעגט אויפֿן בויך,
אַ סימן אַז ער פֿילט
די עוולה פֿון אַן אַלטן מאַן
און פֿון אַ קינד וואָס שפּילט.

דאָס אבער וואָס באַמבלט זיך, פֿאַרשטייסט,
איז לאַנג און שאַרף — דאָס הייסט,
פֿאַר אַלע וויסטע עקרות אַ הילף
און פֿאַר אַלטע מיידן אַ טרייסט

און דער נאָמען פֿון גאָט איז מעציצאָם־גאָט,
און מעציצאָם־גאָט איז גרויס!
שפּרייט אויס דיין גענאָד, אָ מעציצאָם־גאָט,
איבערן אַלטן תּרח׳ס הויז.

און מאַך אַז אַבראַשאַ זאָל זיין אַ לייט,
ער זאָל גיין אין זיין טאַטנס וועג,
און ער זאָל נישט פֿאַרהוליען פּוסט און פּאַס
זיינע שיינע יונגע טעג.

און דער אַלטער תּרח פֿאַלט אויף די קני
און תּפֿילה׳ט טיף און לאַנג,
אַרויף צו מעציצאָם־גאָט אין דער הויך,
וואָס ברענט אין זונפֿאַרגאַנג.

## 2. דינה בת יעקב גייט אויף א ראנדעווו

דינה פירט מיטן ליפּן־שטיפט
איבער די ליפּן אַהין און אַהער,
די ליפּן פלאַמען ווי רויטער מאָן,
גענוג, מען דאַרף נישט מער.

זי טוט אָן דעם שטרויענעם זומער־הוט,
וואָס פּאַסט צו איר זומער־קלייד;
זי כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל פאַרשייט,
נעמט דאָס זאַנטיקל און גייט.

דער ראָטהויז־זייגער ציילט אָפּ אַכט,
דאָס מיינט אַז ס׳איז שוין צייט
צו איילן זיך צום ראַנדעווו
מיט די שכם׳ער יונגע לייט.

„אָ שכם, דו שיינע פריילעכע שטאָט,
פון וואלצערס ליכט און מוזיק,
פאַר דיין יעדן פּאַרק האָט די ליבע אַ סוד,
און יעדער סוד מיינט גליק“.

ס׳איז איר נמאס און מאוס דעם טאַטנס היים,
וווּ מען דאַוונט טאָג און נאַכט.
פון זינט די מומע רחל איז טויט
האָט דאָרט קיינער נישט געלאַכט.

דער אומעט הענגט איבערן אַלטן הויז
ווי אַ גרויסע גיפּטיקע שפּין,
ווען נישט די פריילעכע נעכט אין שכם,
וואָלט זי לאַנג אַראָפּ פונעם זין.

„אַ שכם, דו שיינע פריילעכע שטאָט
פון וואַלצערס ליכט און מוזיק,
פאַר דיין יעדן פּאַרק האָט די ליבע אַ סוד,
און אַ יעדער סוד מיינט... גליק".

ס'איז איר באַענגט און טייער אַיעדער סוד,
כאָטש זי ווייסט נישט דעם באַשייד;
זי ווייסט נאָר איינס, אַז זי געפעלט
די שכמ'ער יונגעלייט — — —

נאָר אָט ליכטיקט דער ערשטער לאַמטערן פון שכם
און ס'כליפּעט אַ פידל אין שענק
אַ נייעם וואַלצער פון יאָהאַן שטראוס,
„איך בענק, מיין האַרץ, געדענק!"

## 3. יוסף הצדיק שפאצירט אויפן בולוואר

יוסף שפּאַצירט אין זיידענעם העמד
פאַרנאַכט אין דער שטערן־אַליי;
פריילנס מיט בלאָע פאַראַסאָלס
ווינקען און שמייכלען פאַרביי — — —

איינע שעפּטשעט: „זעלדע, דו זעסט,
ער איז טאַקע שיין ווי גאָלד,
ווען כ'וואָלט נאָר געהאַט געגוג נדן,
וואָלט איך נאָר אים געוואָלט".

די צווייטע שעפּטשעט: „נעכטן ביינאַכט
איז ער געקומען אין חלום צו מיר,
און כדי ס'זאָל אים נישט זיין צו שווער,
האָב איך אָפן געלאָזט די טיר".

יוסף שמייכלט. ער ווייסט אַליין,
אַז ער איז אַ שיינער יונגערמאַן,
ער האָט נישט איינמאָל געזען זיין בילד
אין דער הילצערנער וואַסער־קאַן.

אַ שאָד נאָר וואָס זיינע בראַטשיקעס
דערגייען אים זיינע יאָר,
מיט „שטערן־טייטשער", און „יאָסעלע תם",
און „חלום אויף דער וואָר".

היינט אַכט טאָג איז ער געווען אויפן אָרט,
וווּ די מאַמע רחל רוט:
„מאַמע געטרייע, זאָג מיר פאַרוואָס
פאַרצאַפּן זיי מיר דאָס בלוט״.

נאָר ס׳האָט געשוויגן דער קאַלטער שטיין
און געשוויגן דאָס בערגל ערד;
און אפשר, ס׳קען זיין די מאַמע אַליין
האָט זיינע טענות נישט געהערט.

דערפאַר האָט ער ליב די שטערן אַליי,
וווּ די פריילינס שמייכלען פאַרביי
מיט קליינע בלאָע פאַראַסאָלס
און אַ יעדע שמעקט מיט מאַי.

און אפשר איז דאָס אַ חלום בלויז,
און ער זעט אים נאָר אַליין,
אין זיינע בראַטשיקעס אין דער היים
וועלן עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין.

זאָל זיין אַ חלום, אַבי ער איז שיין;
און ער גייט מיט שטילע טריט.
ער זאָל נישט פאַרלעשן דאָס אָוונט־גאָלד
די פריילינס און דעם צוויט.

## 4. חנה און פנינה

פנינה צוואָגט איר טעכטערל
און מיטן פוס וויגט זי די וויג,
און אונטערן האַרץ, געלויבט צו גאָט,
צאַפּלט אַ פריש שטיק גליק.

„איצט, דאָבעלע, טו אויס דאָס קליידל
און וואַרף שנעל אַראָפּ די שיך,
און איינס און צוויי — אין בעט אַריין
און זאָג אָפּ קרישמע גיך".

און פנינה בויגט זיך איבער דער וויג:
„שאַ, פרויקעלע טאַטע, שאַ,
די מאַמע וועט דיר זינגען אַ לידעלע,
אַ לידעלע אָט אַזאַ:

„איי ליו ליו, פרויקעלע...
דער טאַטע וועט קויפן אַ טראָיקעלע,
דאָס טראָיקעלע וועט פאָרן
קיין ליטע און פּאַמאָרן,
דאָרט וועט דער טאַטע קויפן
לאָשעקלעך וואָס לויפן,
מיט גלעקעלעך וואָס קלינגען,
און חזנים'לעך וואָס זינגען
איי־ליו ליו־ליו, ליו".

דער פּעמפּיק שלאָפֿט און פּנינה איז מיד
פֿון אַזויפֿיל פֿרייד און גליק:
„רבונו של עולם, באַהיט און באַשיץ
דאָס בעטל און די וויג“.

נאָר פּלוצים, האָרך! פֿונם אַלקער ציט
אַ שאַרף און דין געוויין,
דאָרט וויינט די עקרה חנה אויפֿסניי
אין דער פֿינסטער איינע אַליין.

„גאָט איז מיט איהנען, חנ׳טשע קרוין,
זי וועקן מיר די קינדער אויף!“
און פּנינה הערט ווי חנה׳ס קלייד
רוישט שטיל די טרעפּ אַרויף.

דאָרט וועט זי ליגן די גאַנצע נאַכט
אין איר חדר אויף די קני,
פֿאַרטאָן אין תּפֿילה און געוויין
ביזקל אינדערפֿרי!

פּנינה דרייט דעם נאַפֿט־לאָמפּ איין,
די שאָטנס אויף די ווענט
שפּאַרן אָן די געקרויזטע קעפּ,
אויף זייערע פֿאַרסאַזשעטע הענט;

דער זייגער טיק־טאַקט אויף דער וואַנט,
אויפֿן פּריפּעטשיק זינגט אַ גריל,
און פּנינה שאַרט זיך באָרוועסרהייט
צו איר געלעגער, שטיל...

## 5. חנה׳ס וויגליד

חנה וויגט איר בן יחיד׳ל:
„שלאָף, שמואליקל, טאַטע שלאָף,
דריי אַלטע יידן זע איך גיין,
דריי פון די ל״ו,

איינער איז פון יאַראָסלאוו,
דער צווייטער פון לובלין,
דער דריטער דרייט אַ פאַפּיראָס
פון טערקישן טיטין.

זאָגט דער ייד פון יאַראָסלאוו
און גלעט די ווייסע באָרד:
„עס זעט דעם פלומפּ אין מיטן מאַרק,
און אָט דעם בנין דאָרט?

דאָרט וווינט אלקנה, דער גביר,
דער גרעסטער מן הסתם,
מאַיאָנטעקעס אין גאַנצן לאַנד
און שיפן אויפן ים׳.

זאָגט דער ייד פון אַלט־לובלין:
׳זעט׳ס נאָר אַן אַנטיק,
די עקרה חנה וויגט
אַ נביא אין דער וויג.

און ס׳שטייט אינדרויסן אויף דער שוועל
אַ מלאך אויף דער וואַך,
ער בלעטערט ביים לאַמטערן־שיין
דעם געטלעכן תנ״ך׳.

זאָגט דער דריטער אַלטער ייד,
וואָס דרייט דעם פּאַפּיראָס:
,די גרילן לייענען קרישמע שוין
אין פייכטן אָונט־גראָז.

און יעדער פויגל אין זיין נעסט
טרילערט פונעם שלאָף,
און ס׳סדרן זיך די שטערן אויס,
אַן אלף און אַ תו.

אַ כתב פון זילבער און פון גאָלד,
שיין, נישט צום פאַרשטיין
דעם מיין פון אָט דעם כתב פאַרשטיין
קען גאָט ברוך הוא אַליין;

נאָר שאַט, רבותי, זיך פאַרעדט,
שוין צייט מיר זאָלן גיין.
אַ גוטע נאַכט דעם נביא שמואל,
זאָגט אַלע הויך: אמן!׳ ״

## 6. שמואל הנביא און דער פּאַסטוך דוד

אויפן בערגל נעבן דער מיל,
אונטער אַן אַלטן באַרנבוים,
פּייפלט דוד דאָס פּאַסטוכל.
די ווינטן דעכען קוים:

„העי, זילבערוואַל, דו שעפּעלע ווייס,
האָב נישט קיין מורא פאַר די וועלף,
פאַראַן אַ גאָט דאָרט אין דער הויך,
אַ פּאַטערל וואָס העלפט.

העי, טינטערל, דו שעפּעלע שוואַרצס,
האָב נישט קיין מורא פאַר דער נאַכט,
פאַראַן אַ גאָט, דאָרט אין דער הויך,
אַ פּאַטערל וואָס וואַכט.

העי, לעקישל, דו ציגנבאָק,
שפּרינג וואָיעווע אום אין פעלד,
צופּ דאָס גראָז און פאַרשוין די בלום,
און האָב הנאה פון דער וועלט".

נאָר ווער איז דער אַלטער גראָער ייד,
אויף זיין שטעקן אָנגעשפּאַרט,
וואָס שטייט פאַר אים גאָר אומגעריכט,
באַטראַכט אים שטום און וואַרט?

ס׳איז שמואל הנביא פון דער „רויטער בריק״,
ער וווינט דאָרט אײנער אַליין —
אַן אַלטער בחור, אָן ווײַב אָן קינד
און עלנט ווי אַ שטיין.

די נביאה — טענה׳ט ער — איז זײַן ווײַב,
ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר,
ווײַל פּונקט ווי אַ ווײַב שרײַט זי און שעלט
און דערגײיט אים זײַנע יאָר.

איצט שטייט ער און קוקט אויפֿן פּאַסטוכל:
אָט דאָס איז דער פּאַרשוין,
וואָס וועט פֿאַרבײַטן אם ירצה השם
דאָס פֿײַפֿל אויף דער קרוין?

ער נעמט די רויטע פּאַטשיילע אַרויס
און ווישט אָפּ די טראָפּנס שווייס
און ס׳פֿאַרשמעקט מיט תהילים און פֿידל-שפּיל,
געמישט מיט אַלדאָס בייז.

## 7. דער אלטער ר׳ ישי

ר׳ ישי זיצט אונטערן קאַרשנבוים
און זופּט פונעם גלעזל טיי ;
דער קאַרשנבוים אין ערשטן צוויט
בלענדט ווי ווייסער שניי ;

אַ זונשטראַל פאַלט צו זיינע פיס,
אַ קליינער גילדערנער האָז,
ווי איינער רעדט : ר׳ ישי, דאָ
זענט איר דער באַלעבאָס.

ר׳ ישי שמייכלט. געהערט אַ נייס,
דאָס ווייסט דאָך קינד און קייט,
דו זאָג נאָר בעסער, חברה־מאַן,
וואָס פאַראַ סדרה גייט ?

דער זונשטראַל ציטערט, ציטערט פרום,
און שאַרט זיך שטיל אַוועק.
אַ שפּרונג ! און זע, די ראַבע קאַץ
באַקומט אַ גאָלדענעם עק.

אַ פויגל סוויפּטשעט אין דער לופט,
הערט, רב רשי, הערט :
אַ קרויז, אַ תהילימ׳ל און אַ שווערד
איז אייער דוד׳לען באַשערט.

ר׳ ישי שמייכלט. די זעלבע זאַך
האָט דער אַלטער נביא שמואל
גע׳טענה׳ט נעכטן מנחה־צייט,
אין דער אַלטער „קאַלטער שול״.

„ישי, זאָג דיין מיזיניקל
ער זאָל פּאַקן דעם טשעמאָדאַן,
און איוודהע־וואָך, אם ירצה השם,
פיר איך אים מיט דער באַן

אַוועק צום מלך שאול אין הויף
און דאָרט, אוי ישי, דאָרט . . .״
און ס׳האָט אַ דינער שמייכל זיך
פאַרלוירן אין זיין באָרד.

ר׳ ישי טראַכט: נו מאַ, נו מאַ,
ס׳איז אַ באַשערטע זאַך.
סע פייפן עס די פייגל שוין
אַראָפּ פון יעדן דאַך.

מילא, די קרוין יאָק ווי די קרוין,
און די שווערד יאָק ווי די שווערד
נאָר ווי, געוואַלט, דאָס תהילמל
וועט מנצח זיין די ערד.

ר׳ ישי זיצט אונטערן קארשנבוים
און זופּט פונעם גלעזל טיי.
דער קאַרשנבוים אין ערשטן צוויט
בלענדט ווי ווייסער שניי.

## 8. מיכל

מיכל זיצט אויפן גאַניקל,
דער זומער־אָוונט צינדט
פייער־פליגן אין דער לופט —
אַ זיסער זומער־ווינט

זינגט אין אירע טיציאַן־האָר
אַ גליל׳ער פּאַסטאָראַל,
וואָס שמעקט מיט דאָרפיש קאָרנברויט
און זילבערט ווי אַ קוואַל:

„בת מלכה, הער, אַ פייפל שפּילט
די גלאָריע פונעם לאַנד,
אַ מגן־דוד אויף דער פאָן,
אַ תהלימל אין האַנט״.

די שטאָלצע קיניגסטאָכטער ווייסט,
וואָס אָט דער ניגון מיינט,
זי האָט עס נישט צום ערשטן מאָל
אין שמואל־בוך געליינט.

זי ווייסט אַז אָט דער נביא שמואל,
דער אַלטער אינטריגאַנט,
שפּינט און שפּילט אַ טונקל שפּיל
מיט זיין געניטער האַנט.

אַ שפּיל אַרום דעם טאַטנס קרוין,
און מיט איר אייגן לייב,
איצט שעפּטשעט יעדער שוין אין הויף,
אַז זי ווערט דוד'ס ווייב.

פאַר אירע אויגן שוועבט פאַרביי
דעם נביא'ס ווייסע באָרד,
אין אירע אויערן הילעכט אָפּ
זיין שאַרף און דאָרניק וואָרט.

זי שווידערט. אין אַ נאָענטן קוסט
וויטיקט אַ נאַכטיגאַל.
אין אירע רויטע טיציאַן־האָר
זשומעט אַ פּאַסטאָראַל:

„בת מלכה, הער אַ פייפל שפּילט
די גלאָריע פונעם לאַנד,
אַ מגן־דוד אויף דער פאָן,
אַ תהילימל אין האַנט".

זי הויבט זיך אויף. איר זיידן קלייד
רוישט דורך דער זומערנאַכט.
— — — — — — — — — — —
אַ יידישער פּאָעט האָט מיד
דאָס שמואל־בוך פאַרמאַכט.

## 9. די מכשפה פון עין דור

די אַלטע מכשפה פון עין דור
זאָגט צו דעם קאָטער „מיאו,
וואָס מאַכט אייער שוואַרצע עקסעלענץ,
און וואָס מאַכט די ליבע פראו ?"

און צו דעם גרינעם פאָפּוגיי
וואָס וואיעוועט אום אין שטייג :
„אַ פלעצל צוקער, דו נאַשער דו,
נו נאַ און נעם און שווייג".

און צו דעם גרויסן געלן האָן
מיטן פייער־רויטן קאַם :
„וואָס זעסטו נביא אין דער נאַכט,
אַ גייער מן הסתם ?"

דער האָן קלאַפּט מיט די פליגל שאַרף,
איינס און צוויי און דריי,
די וואָלקנס העגנגען איבערן וואַלד,
שווער און גראָ ווי בליי...

די אַלטע מכשפה פון עין דור
טראַכט : אַ מאָדנע זאַך,
אַפילו איך די טרעפּערקע
שפּיל אַ ראַלע אין תנ"ך.

אַ גייער גייט; ער פרעגט דעם ווינט
צו ווייסט ער ווו איך וווין;
זיין שאָטן ווי אַ שעקספיר־קלאון
שפּילט זיך מיט זיין קרוין.

אַ גייער גייט, ער שאַרט זיך שטיל
דורך דעם געדיכטן וואַלד.
אין גאַנצן שמואל־הנביא־שפּיל
די טרויעריקסטע געשטאַלט.

די אַלטע מכשפה פון עין דור
טראַכט: אַ מאָדנע זאַך,
אַפילו איך די טרעפּערקע
שפּיל אַ ראָלע אין תנ"ך.

אַ פּעשל קאָרטן ליגט אויפן טיש
און דאָס פּעשל קאָרטן ווייסט,
אַז פאַר דעם טרויעריקן „מלך פּיק"
איז מער נישטאָ קיין טרייסט.

דער האָן קלאַפּט מיט די פליגל שאַרף
איינס און צוויי און דריי,
די וואָלקנס הענגען איבערן וואַלד,
שווער און גראָ ווי בליי.

## .10 אבגיל

דער ווייַנריב דראַפּעט זיך אויף דער וואַנט
ווי אַ פאַרליבטער יונגער נאַר
אַרויף צום פענצטער, ווו אבגיל זיצט
אין איר קליינעם בודואַר.

זי טראָגט אַ פּיזשאַמע פון געלן זייד
און אַ היאַצינט אין די האָר,
און אויף דער פּיאַנאָ, געגאָסן אין בראָנז,
שטייט דאָס לאבוסל אַמאָר.

ער צילט מיט זיין פייל־און־בויגן צו איר,
און זי, אבגיל, לאַכט;
דורכן אָפענעם פענצטער פליט אַריין
אַ בלאָ־אויגיקע זומערנאַכט;

זי בליט מיט גרילן און רויטן מאָן,
מיט אַ שעפּטשן אויף גאַרטנבענק;
גופן פּיבערן: „האָב מיך ליב",
און הייסע ליפּן: „געדענק!"...

אבגיל'ס אויגן זענען מאָדנע גרויס,
זי וואַרט און זי איז גרייט
צו שפּילן דעם ביבלישן ראָמאַנס
ווי אין שמואל אלף שטייט.

אַנטקעגן איבער איר, אויף דער וואַנט
הענגט נאָך נבל׳ס פּאָרטרעט,
כאָטש זינט אַ וואָך האָט דער מלאך המות
זייביידן אָפּגעג׳גט.

איצט איז זי פריי, ווי אַ פויגל פריי
פאַר דוד, איר מוסקעטיר,
וואָס וואַרט פאַרבאַהאַלטן אין אַ הייל
אויף איר, אויף איר, אויף איר.

אָט נאָך אַ רגע, און ס׳ווערט אַלצדינג וואָר,
וואָס זי האָט געטרוימט, געגלוסט —
די זומערנאַכט אַנטבלויזט אין די בערג
איר ווייסע לבנה־ברוסט.

אבגיל׳ס אויגן זענען פאַרנעפּלט און פייכט;
זי וואַרט און זי איז גרייט
צו שפּילן דעם ביבלישן ראָמאַנס,
ווי אין שמואל אלף שטייט.

## 11. בת-שבע

בת שבע באַטראַכט דאָס פינגערל
וואָס פינקלט אין איר האַנט —
אוי, ס׳איז נישט אַזוי דאָס פינגערל
ווי דער מלך פונעם לאַנד.

אוי ס׳איז נישט אַזוי דאָס פינגערל
ווי דאָס בריוועלע דערצו:
„דיין פּנים, דיין גאַנג, דיין איידעלער פאַסאַן,
זיי גיבן מיר נישט קיין רו״.

בת שבע גייט צום שפּיגל צו:
— אודאי איז זי שיין,
נאָר ווי קען זי, אַן אשת איש,
צו דער באַשטעלונג גיין?

וואָס וועט זאָגן דער אַלטער שווער,
און דער מאַן דער גענעראַל,
און וואָס וועט זאָגן גאָט אַליין,
דער שומר פון ישראל?

זי לייענט איבער נאָכאַמאָל דעם בריוו:
— אַ שיינקייט פון דער וועלט,
מיט גאָט ברוך הוא בין איך „פּער דו״,
און איך טו וואָס מיר געפעלט;

אַז איך זינג פֿאַר אים מײַן תהילים אָפּ,
איז ער מוחל מײַנע זינד;
און װאָס שײַך אוריה, דײַן ליבן מאַן,
פֿאַרלאָז זיך אויף מיר, מײַן קינד.

אַ פֿירהאַנג רוישט. װער גײט? װער גײט?
ס'איז נאָר דער װינט, נישט מײַן;
זי באַהאַלט דאָס פֿינגערל, דעם בריװ,
און לאָזט זיך לאַנגזאַם גײן

אַראָפּ אין גאָרטן. — די שטילע טריט
פֿאַרשלינגט דער געלער זאַמד,
נאָר פֿאַרן טויער אומגעריכט
אַ רויטע מאָנבלום פֿלאַמט

אַ לעצט ביסל בושה. זי עפֿנט די טיר
מיט איר קלײנער װײַסער האַנט.
אױ ס'איז נישט אַזױ דאָס פֿינגערל,
װי דער מלך פֿונעם לאַנד.

## 12. אמנון און תמר

איך שרייב דיר דאָס בריוול, תמר,
טאָ זע היט אָפּ דעם סוד,
דער עיקרשט פֿאַרן טאַטעשי,
און אויב דו קענסט, פֿאַר גאָט.

געדענקסט די נאַכט אין האָרעטשאַ־וואַלד,
ווען כ'האָב דיך גערופֿן „וויב".
דו האָסט געפֿיבערט: „לאָז מיך גיין",
און איך האָב געהייסן „בלייב!"

און דו ביזט געבליבן. די נאַכטיגאַל
האָט, פּונקט ווי אין היינעס ליד,
אָפּגעטרייסלט איבער אונז
דעם ערשטן קאַרשן־צוויט.

און איך האָב געפֿיבערט: תמר דו הערסט
ווי ס'זינגט צו דיר מיין גוף?
און דו האָסט געאָטעמט הייס און שווער:
„איך ענטפֿער אויף דיין רוף".

און שיכור פֿון „שיין" פֿון „מיט דיר אַליין"
האָב איך דיך דאָרט דערקענט;
און כ'האָב דיך אַ נאַקעטע דורכן וואַלד
געטראָגן אויף מיינע הענט.

און דער וואַלד האָט געשטוינט: „אוי־וואַ, אוי־וואַ,
וויאַזוי איז דאָס געשען?"
אַ יידישער וואַלד האָט זינט ער לעבט
אַזאַ זעאונג נישט געזען.

נאָר ווען דו האָסט פּלוצים אַרויסגעפּלאַצט
מיט אַ שאַרף און דין געוויין,
האָט דער אַלטער תלמודישער קאָפּ פון וואַלד
ערשט אָנגעהויבן פאַרשטיין.

דיין געוויין האָט גע׳מסר׳ט, מייד אויס דעם וואַלד,
ווי איך מייד אים זינט יענער נאַכט;
אַ, פּאַרוואָס האָסטו דעמאָלט געוויינט אין וואַלד
און נישט געזונגען געשטיפּט און געלאַכט?

איך שרייב דיר דאָס בריוול, תמר,
טאָ זע, היט אָפּ דעם סוד,
דער עיקר׳שט פאַרן טאַטעשי,
און אויב דו קענסט, פאַר גאָט.

## 13. דוד המלך און אבשלום

דוד המלך ביים תליה־בוים
באַוויינט דעם טויטן זון —
איבערן וואַלד ברענט בלוט און גאָלד
די מידע אָוונט־זון.

אבנר, דער אַלטער גענעראַל,
שטייט „האַפּטאָך" ביי דער זייט,
און ס'בלישצן די שפּיזן און די העלמס
פון זיינע מונדירטע לייט.

דער מלך וויינט: אבשלום'קע,
צעוואָס האָסטו דאָס געטאָן?
עפן די אויגן און נאָדיר אַוועק
מיט כבוד דעם גאָלדענעם טראָן;

עפן די אויגן און נאָדיר אַוועק
דאָס צירונג און דאָס גאָלד;
און אַפילו די „הייליקע וועטשערע",
וואָס רעמבראַנדט האָט געמאָלט;

וואָס ווילסטו נאָך? אָט טו איך אָן
אויף דיין שיינעם קאָפּ די קרוין,
און „ריגעלע־ריגעלע־רוגז" זון
און אָן עק, אָ סוף און שוין.

אבנר, מיין אַלטער גענעראַל,
טו צו ווייסן איבערן לאַנד,
הייס בלאָזן די טרומייטערס, ס׳זאָל
אַ יעדערן זיין באַקאַנט.

אבשלום איז מלך ישראל, יחי!
שרייטס אַלע מיט מיר „יחי!“
אַן עכאָ לעצעוועט אין וואַלד:
יחי... כי כי כי כי...

דער אָוונט, אַ באָרוועסער הקדש־ייד,
מישט די בלעטער פונעם וואַלד,
עלעהיי אַ תהילמל; אין מיטן וואַלד
די פאַרלוירענע געשטאַלט

פונעם אַלטן מלך; אַ סאָווע שרייט,
פונדערווייטנס שאַרף: או־הו,
און דער אַלטער מלך מורמלט פרום,
ממעמקים, טאַטעניו.

## 14. אבישג

אבישג מוסר׳ט דעם דערנער־קוסט,
וואָס האָט ביי אַ לעמעלע „מעע״
אָפּגעצופּט אַ בינטל וואָל:
„פּע דו לאָבוז, פּע״.

און צו דעם שעפּעלע מיט כעס:
„וואָס קריכסטו דו דוראָק?״
אַ פויגל פּייפט: „אבי, אבי״,
אַ זשאַבע: „שג שג שג״.

אבישג לאַכט: דאָס מיינט מען זי,
און צו איר זומער־קלייד
לעגט צו די מידע אָוונט־זון,
אַ גרויסע גאָלדענע קווייט.

זי לעגט צוויי פינגער צו צום מויל,
און פּייפט די שאָף צונויף;
צייט אַהיים. ווייל מאָרגן פאַרטאָג
פאָרט זי אין מלכ׳ס הויף.

די מאַמע האָט פאַר איר באַצאָלט
אַן אָרט אין לייזערס בויד:
„ר׳ לייזער, נאַץ אייך אַ רייניש מער,
און גייט אַכטיק אויף דער מויד!״

רב לייזער איז אַ מאָדנער געלער ייד,
מיט אַ בראָדעווקע אויף דער באַק.
אַ פויגל וואָרנט: „אבי, אבי“,
אַ זשאבע: „שג שג שג“.

אבישג לאַכט. דאָס מיינט מען זי,
און פון איר זומער־קלייד
נעמט אָפּ די רויטע אָוונט־זון
די גרויסע גאָלדענע קווייט.

„אַ וואַזשנע מציאה!“ אין מלכ׳ס הויף
וועט זי גיין אין סאַמעט און זייד
און וועט טיילן לעקעך און איינגעמאַכטס
פאַר אַלע אָרעמע לייט.

און דער מלך וועט שפילן אויף דער האַרף,
ווען די שטערן ווערן גרויס,
און זי וועט זיין אין זיין תהילמ׳ל
די סאַמע שענסטע רויז.

נאָר אָט איז דער טייך, און אָט איז די בריק,
און אָט הודזשעט דער טאַרטאַק.
אַ פויגל וויינט: „אבי, אבי“,
אַ זשאבע: „שג שג שג“.

## 15. אבישג׳ס לעצטע נאכט אין דארף

דער קוקו רופט דאָס שטילע דאָרף,
און ווערט אַנטשוויגן מיד —
די שטילקייט נאָר אַליין הערט שאַרף
ווי ס׳צוויטעט אָפּ דער צוויט;

די שטילקייט נאָר אַליין הערט שאַרף
ווי ס׳צוויטעט אויף אַ טרוים
אין קלענסטן הייזל פונעם דאָרף,
ווי ס׳בליט דער ליפּע־בוים.

אַ טרוים פון זיידנס און מוסלין,
מיט שפּיצן פון בראַבאַנט:
אַ קאַרעטע פון גאָלע גאָלד,
וואָס שמ׳ט אין גאַנצן לאַנד.

„ווער איז די פּריצה אין דער קאָטש?
ווייזט אויס אַז נישט פון הי!״
אבישג שמייכלט אין איר שלאָף,
די פּריצה — דאָס איז זי;

זי זאָגט צום קוטשער: „יונה, שנעל,
דער מלך וואַרט אויף מיר.
ער שטייט מסתמא אין מונדיר
אין דרויסן פאַר דער טיר״.

דער חלום־מלך איז יונג און שלאַנק,
אַט פּונקט ווי זיין פּאָרטרעט,
וואָס הענגט זינט יאָרן אויף דער וואַנט,
איבער דער מאַמעס בעט.

דער מלך נעמט זי אונטער׳ס אָרם,
און אַרויף די מירמל־טרעפּ,
קלינגען זיינע גאָלדענע שפּאָרן,
און ס׳רוישט איר זיידענער שלעפּ.

און ס׳זענען אַן עדות קינד און קייט,
און אַן עדות — באַרג און טאָל,
אַז ס׳איז נישט קיין ליבע אויף איין נאַכט,
נאָר אַ ליבע פֿאַר אַלעמאָל.

דער קוקו רופֿט דאָס שטילע דאָרף:
קוקו — דער מאָרגן בלויט.
ר׳ ליזער פּאַיעט אָן די פֿערד,
און ס׳וואַרט די שווערע בויד.

## 16. דוד המלך און אבישג

דער מלך מישט דאָס תהילים׳ל,
(ס׳איז טיפֿע מיטן־נאַכט),
אינדרויסן פֿאַרן טויער שטייט
אַ זעלנער אויף דער וואַך.

דער מלך מורמלט : „גרויסער גאָט,
איך ווייס אַז דו ביזט דאָ,
אין מיר און אין מיין תהילים׳ל
אין יעדער מינדסטער שעה“.

ער הויבט זיך אויף, געגנוג פֿאַר היינט
מיט גאָט ברוך הוא גערעדט,
און ווי אַ שאָטן שאַרט ער זיך
פּאַמעלעך צו צום בעט.

אבישג שלאָפֿט, זי אָטעמט שטיל.
און הער — זי רעדט פֿון שלאָף,
און פֿון איר חלום שמעקט אַרויס
אַ טאָלעקע מיט שאָף.

אַ וואַסער, און אַ נאָדל־וואַלד,
אַ דאָרף־לבנה גרויס,
אַן אַלטער פֿרומער ליפּע־בוים
וואָס היט דער מאַמעס הויז.

אַ טרויער און אַ נאָגעניש,
אַ בענקעניש וואָס ציט
אַוועק פונעם מלך׳ס תהילמ׳ל,
צו אַן אייגן ליד.

דער מלך טראַכט: אַ מאָדנע זאַך:
זי ליגט אין הוילן העמד,
נאָענט צו מיר אין מיין באַריר,
און דאָך אי ווייט אי פרעמד.

ער בויגט דעם אַלטן ווייסן קאָפּ,
און קושט דאָס דאָרף אין איר,
און קושט דעם אַלטן ליפּע־בוים,
וואָס היט דער מאַמעס טיר.

און מיט שטילע מידע טריט
גייט ער צוריק צום טיש.
אַ שטילער זיפץ. אַ גלעט די באָרד,
און דאָס תהילמ׳ל אַ מיש.

## 17. אבישג שרייבט אהיים א בריוו

אבישג זיצט אין איר הדר׳ל
און שרייבט אַהיים אַ בריוו:
אַ גרוס דער טאָלעקע מיט שאָף,
זי שרייבט און זיפצט אָפּ טיף;

אַ גרוס דער אַלטער מאַמעשי,
און דעם אַלטן ליפּע בוים;
זי זעט דיביידע אַלטע לייט
אָפטמאָל אין איר טרוים.

אַ גרוס דעם שיינעם מילנער־יונג,
וואָס אַרבעט אין דער מיל —
דעם פּאַסטוך עוזר, איר זאָל זיין
פאַר זיין פייפל־שפּיל — — — —

דער מלך דוד איז אַלט און פרום;
און זי אַליין איז „עט״,
זי איז דעם מלכ׳ס וואַרעם־פלאַש,
וואָס וואַרעמט אים דאָס בעט.

זי האָט געמיינט... נאָר מאַלע וואָס,
אַ דאָרפיש מיידל מיינט...
זי האָט נישט איינמאָל אין די נעכט
איר גורל שטיל באַוויינט.

אמת, סע זאָגן קלוגע לייט,
אַז זי טוט אַ ווילדע זאַך.
זיי זאָגן איר אַפּילו צו
אַ שורה אין תנ״ך.

אַ שורה פאַר איר יונגן לייב,
און פאַר אירע יונגע יאָר.
אַ שורה טינט אויף פּערגאַמענט,
פאַר אַ גאַנצער וואָר.

אבישג לעגט אַוועק די פען,
איר האַרץ איז מאָדנע שווער,
פון אירע אויגן קאַפּעט, פאַלט
אויפן בריוו אַ טרער.

די טרער פאַרמעקט די „מאַמעשי״,
און פאַרמעקט דעם „ליפּע־בוים״,
און אין אַ ווינקל בליפּעט שטיל
אַ צאַרטער מיידל־טרוים.

## 18. אבישג׳ס טרויער

אבישג׳ס טרויער איז אַ גאָלדן זייגערל,
וואָס דער מלך האָט איר געשענקט.
דרייט זי די ווייזערלעך אויף צוריק,
און זי זעט וואָס זי געדענקט.

דאָס דאָרף, די מאַמע, און די סטאַדע שאָף,
דעם עפּל־סאָד פון יונה דעם גביר,
און דעם אַלטן פרומען ליפּע־בוים,
וואָס שטייט און היט דער מאַמעס טיר.

פאַר אָט דעם אַלטן פרומען ליפּע בוים
האָט זי אַמאָל אירע סודות אַנגעטרויט,
די סודות פון אַ שלעפל אַ יאָר אַכט,
ביזן שטילן סוד פון אַ גרויסער כלה־מויד.

„אוי, אַלטער ליפּע־בוים, דו ווייסט, פאַרשטייסט,
ס׳איז נישט דאָס מילנער־יינגל פון דער מיל,
נאָר נטע בן הלל דער שלאַנקער שניידער־יונג,
וואָס ווייסט נישט מסתמא וואָס איך פיל.

זיי דו דער שדכן, אַלטער ליפּע־בוים,
ווען ער גייט פאַרביי, טאָ זאָג אים אויס,
אַז לכבוד אים איז דאָס גרינע פאַרטיכל,
און אין מיינע האָר די רויטע רעגן־רויז;

אַז לכבוד אים די גאָלדענע אוירינגלעך
אין מיינע אויערן, און דאָס געבלימטע שבת־קלייד
וואָס כ׳טראָג אינדערוואָכן, און דאָס רויטלען זיך
פון אַלע מיינע רויזן אויף דער בייט;

לכבוד אים דאָס שנירל קרעלן אויפן האַלז,
(אַ מציאה געהאַנדלט אויפן לענטשעווער יאַריד),
זיי זענען מזל׳דיק, זאָגט די אַלטע טרעפּערקע,
און דאָס אייגענע זאָגט דער גערער גוטער ייד״.

אבישג׳ס טרויער איז אַ גאָלדן זייגערל,
וואָס דער מלך האָט איר געשענקט;
דרייט זי די ווייזערלעך אויף צוריק,
און זי זעט וואָס זי געדענקט:

דאָס וועלדל, די לאָנקע און די אַלטע פליגל־מיל,
וואָס האַלט כסדר אירע אָרעמס אויסגעשפּרייט;
אַ „סקאָצל קומט״, דעם שבת־קודש וואָס קומט אָן,
אַ „זייט געזונט!״ דעם שבת קודש וואָס פאַרגייט.

## דער שניידער-געזעלן נטע מאנגער זינגט
## וועגן דעם משלים-שרייבער אליעזר שטיינבארג

ר׳ לייזערל הקטן זיצט אין שאָטן
פון אַ ווערבע און זאָגט:

„תרנגול־האָן זאָג מיר אָן
צי ס׳טאָגט דער טאָג״;

שטייט דער האָן אויפן הויכן פּלויט,
זיין קאַם איז פייער־רויט;

ער קלאַפּט מיט די פליגל איינס און צוויי
און גאָרגלט אויס אַ קריי:

„ר׳ לייזערל יאָ, ר׳ לייזערל ניין,
כ׳מיין... איך ווייס נישט וואָס אַליין״...

טוט ר׳ לייזערל אַ גלעט
דעם אַלטן ציגנבאָק און רעדט:

„חכם־עתיק מיינער, זאָג
צי ס׳מיניעט זיך דער טאָג?״

שאָקלט דער ציגנבאָק די באָרד,
אַ גאָלדן רענדל איטלעך וואָרט:

„ר׳ לייזערל ,עט׳, ר׳ לייזערל ,בע׳,
סגל מעם ווי תמיד ,מע׳ ״ ;

זאָגט ר׳ לייזערל : „ר׳ נאַטקע,
כלב איינער, צייט אין יאַטקע״ ;

זאָגט ר׳ נאַטקע : „וואָס ? ביינאַכט ?
אַלע יאַטקעס צוגעמאַכט״ ;

טייטלט ר׳ לייזערל מיטן פינגער
צום סאָלאָוויי דעם וואַזשנעם זינגער :

„זינג מיר צוזאַמען אַלע חיות,
פייגל ועופות מיט זייערע בני־בית,

און פרעג זיי אַלע און באַזונדער
ווו איז דער טאָג, דאָס ווייסע וווּנדער ?״

זינגט דער סאָלאָוויי אויף נאָטן,
אַראָפּ צו ר׳ לייזערל אין שאָטן ;

ער דריידלט קונציק זיינע טענער
שיין און שענער און נאָך שענער :

„כ׳בין נישט ר׳ לייזערל די טאָגטינגאַל
כ׳בין ר׳ לייזערל די נאַכטינגאַל״ ;

זאָגט ר׳ לייזערל צו זיך אַליין :
„דאַרף מען, הייסט עס, שלאָפן גיין ;

דער טאָג איז מער נישט ווי אַ חלום,
אַ משל צווישן די משלים ;

און דער נמשל איז דער שלאָף,
וואָס ציט זיך, ציט זיך אָן אַ סוף״ . . .

# עפּילאָג

איך בין מיד, אַ גוטע נאַכט,
ס׳קלעפּן שווער זיך מיינע אויגן,
ווי אַ חלום איז פאַרפלויגן
לעבן ליבע און געדאַכט,
איך בין מיד, אַ גוטע נאַכט;
ס׳קלעפּן שווער זיך מיינע אויגן.

האַלב אין וואַך און האַלב אין דרימל
פּלאַפּל איך דאָס לעצטע ליד,
זע, אַ גרויסער פויגל פליט
פון דער ערד אַרויף צום הימל,
האַלב אין וואַך און האַלב אין דרימל
פּלאַפּל איך דאָס לעצטע ליד.

כ׳האָב אַ חלום אייך געבראַכט
און איר האָט אים אָפּגעשטויסן,
ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט
האָט איר מיך געלאָזט אינדרויסן;
כ׳האָב אַ חלום אייך געבראַכט
און איר האָט אים אָפּגעשטויסן — — —

לאָנדאָן 1942.

# אינהאלט


פאָרוואָרט . . . . . . . . . 5
שלמה ביקל׳ס עסיי . . . . . . . 7
פון סטאַפּטשעט קיין קאַלאַמיי . . . . . . 11
ביי דער באַליע וועש . . . . . . . 13
היקל, דידל, דאָם . . . . . . . . 15
פּאַרלאָזט . . . . . . . . . 17
דאָס ליד פון דער גאָלדענער פּאָווע . . . . . 19
די רייד פונעם שניידער־געזעלן . . . . . . 21
נאַכט־מוזיק . . . . . . . . . 23
ליבשאַפט . . . . . . . . . 26
קינדער־יאָרן . . . . . . . . . 28
פאַרכישופט . . . . . . . . . 30
לילית און פּרץ׳ס מאַניש . . . . . . . 32
אין רויך פון מיין ווייקדנס ליולקע . . . . . 34
נאָטע׳ס שלאָפליד . . . . . . . . 36
אַנאַקרעאָנ׳ס פּרילינג־ליד . . . . . . . 38
אַנאַקרעאָן איז ברוגז . . . . . . . . 40
אַנאַקרעאָן פאַרבעט איציק מאַנגער . . . . . 42
אַנאַקרעאָן און די נימפעס . . . . . . . 44
אַנאַקרעאָן און דער רעגן . . . . . . . 46
דער טויטער אַנאַקרעאָן . . . . . . . 48
גראַם שטראַם פאַר נאָטע . . . . . . 50
מיין שבֿחה־ליד . . . . . . . . 57
דער סוף פונעם ציגעלע . . . . . . . 59
ציגיישע אידיליע . . . . . . . . 61

| | |
|---|---|
| דער שניידער־געזעלן זינגט | 63 |
| די באלאדע פון קריסטאָפער מארלאו | 65 |
| באלאדע פון פישער־ווייב | 67 |
| אלבאם פאר מיין שוועסטער | 69 |
| אלבאם פאר מארגארעט | 74 |
| קאזאנאָווא | 77 |
| סאנעטן פאר נאטע | 79 |


## נאטע מאנגער לערנט תנ״ך

| | |
|---|---|
| דער אַלטער תרח | 95 |
| דינה בת יעקב | 97 |
| יוסף הצדיק | 99 |
| חנה און פנינה | 101 |
| חנה׳ס וויגליד | 103 |
| שמואל הנביא און דוד | 105 |
| דער אַלטער ר׳ ישי | 107 |
| מיכל | 109 |
| די מכשפה פון עין דור | 111 |
| אבגיל | 113 |
| בת־שבע | 115 |
| אמנון און תמר | 117 |
| אבישג | 121 |
| אבישג׳ס לעצטע נאַכט | 123 |
| דוד המלך און אבישג | 125 |
| אבישג שרייבט אַ בריוו | 127 |
| אבישג׳ס טרויער | 129 |
| נאטע מאנגער וועגן אליעזר שטיינבאַרג | 131 |
| עפּילאָג | 133 |
| אינהאַלט | 134 |

## ווערק פון דעם זעלבן מחבר

| | |
|---|---|
| שטערן אויפן דאך, בוקארעשט 1929 | (אויספארקויפט) |
| לאמטערן אין ווינט, ווארשע 1933 | (אויספארקויפט) |
| חומש־לידער, ווארשע 1935 | (אויספארקויפט) |
| חומש־לידער (צווייטע אויפלאגע) ווארשע 1936 | (אויספארקויפט) |
| מגילה־לידער, ווארשע 1936 | (אויספארקויפט) |
| פעלקער זינגען, ווארשע 1936 | (אויספארקויפט) |
| וועלוול זבארזשער שרייבט בריוו, ווארשע 1937 | (אויספארקויפט) |
| נאענטע געשטאלטן, ווארשע 1938 | (אויספארקויפט) |
| דאס בוך פון גן עדן, ווארשע 1939 | (אויספארקויפט) |
| וואלקנס איבערן דאך, לאנדאן 1942 | (אויספארקויפט) |
| האצמאך־שפיל, לאנדאן 1947 | |

דער שניידער געזעלן נטע מאנגער זינגט, לאנדאן 1948.